STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08253

ZEKS MILYON UN-EYNER

Martin Lane

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה ליין (לאַנקער)

★

זעקס מיליאָן און — איינער...

וועגן דעם בוך

אין דעם אַלגעמיינעם מערדערישן אָפּגרונט אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע אין פּוילן, איז יעדער ייד, יעדער יחיד געווען אַ וועלט פאַר זיך אליין.

דאָ איז די געשיכטע פון איינעם א יידישן יחיד, וואָס איז על פּי נס געבליבן לעבן.

משה לײן (לאַנקער)

װעקס מיליאָן און — אײנער...

מײנע איבערלעבונגען אין פּױלן
בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע

MARTIN LANE (LANKER)

ZEX MILLION UN — EINER...

(SIX MILLION AND — ONE)

משה ליין (לאַנקער)

זעקס מיליאָן און — איינער...

COPYRIGHT, 1973
by MARTIN LANE, MELBOURNE

Printed by York Press Ltd., 11-19 Hoddle Street, Abbotsford, 3067
Melbourne. Australia

מײַן פֿרוי קלאַראַ ליין (לאַנקער);
מײַן שװעסטער און שװאָגער יעטאַ
און חיים מילשטײן און זײער זון
קעװין
— מיט ליבשאַפֿט.

געווידמעט דעם הייליקן אָנדענק פון:

מיין פאָטער ר' אֶלימלך ב"ר חיים שלום לאַנקער ע"ה;

מיין מוטער גנענדל בת ר' יצחק;

מיין ברודער לעאָפּאָלד (לייב)

און מיין שוועסטער העלענאַ מיט זייערע פאַמיליעס.

די משפּחה מילשטיינס און אויך די משפּחות פאָיערס,

און אַלע אַנדערע פון מיינע נאָענטסטע

וואָס זענען אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים

על קידוש השם.

זייערע נעמען ווערן דאָ
מיט ליבשאַפט פאַראייביקט
דורך זייער זון און ברודער
משה אליעזר ליין (לאַנקער).

דער מחבר, משה ליין (לאַנקער)

אריינפיר

ווען דער גרויסער יידישער היסטאָריקער שמעון דובנאָוו, איז דורך די נאַצישע רוצחים געפירט געוואָרן צום אומקום, האָט ער אויף זיין לעצטן וועג אויסגעשריגן צו די אין שרעק-פאַרבייגייענדיקע יידן: „פאַרגעדענקט און פאַרשרייבט"! דער היסטאָריקער האָט דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן זיין פּערזענלעכן גורל, נאָר וועגן דער נאַציאָנאַלער אחריות, וואָס ליגט אויף יעדן איינעם ייד צו פאַרשרייבן און איבערלאָזן פאַר די קומענדיקע דורות דאָס גאַנצע שוידערלעכע בילד פון דער היטלער-תקופה.

פאַרשידענע יידישע היסטאָריקער באַקלאָגן זיך אויף דער אָרעמקייט אין כראָניק און דאָקומענטאַציע-מאַטעריאַלן — אַ געביט וואָס איז זייער שטאַרק פאַר-נאַכלעסיקט געוואָרן דורך די יידישע כראָניקער פון פאַרצייטיקע תקופות. אַלסביישפּיל קען מען זען וועגן „יידן אין אייראָפּע".

מיר האָבן נישט קיין יידישע קוואַלן וואָס זאָלן אונדז דערציילן וועגן דער אנטשטייאונג פון די יידישע ישובים אין אייראָפּע, ווו יידן האָבן געלעבט די לעצטע, בערך, צוועלף הונדערט יאָר. און די געשיכטע פון אָט די ישו-בים אין וועלכער עס געפינען זיך אזוי פיל בלעטער פון פּיין און אומקום איז טאַקע פול מיט בלויזן אויפן געביט

פון דאָקומענטאַציע, ווייל די לעבעדיקע עדות פון יענע געשעענישן האָבן נישט פאַרשטאַנען די נויטוועגדיקייט צו פאַרשרייבן און איבערלאָזן די כראָניק פאַר די קומענ־דיקע דורות.

ערשט איצט, ווען עס איז געקומען דער גרויסער קאַטאַקליזם איבערן אייראָפּעישן יידנטום און געלאָזט אָפּגיין אין בלוט 1200 יאָר יידישע געשיכטע, האָט מען אָנגעהויבן שטאַרקער צו באַגרייפן די נויטוועגדיקייט צו דאָקומענטירן דעם גרויסן פאַרנעם פון יידישן חורבן, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם אייראָפּעישן קאָנ־טינענט, באַזונדערס, אין דרום מזרח און אין צענטראַל־אייראָפּע, ווו עס האָט זיך געפונען דער רוב מנין און בנין פון יידישן פאָלק — מיט יידישע ישובים אין די פאַר־וואָרפנסטע ווינקלען, וואָס האָבן געלעבט מיט אַ פאַר־זיכיק יידיש לעבן — ביז די האַק פון רוצח האָט זיך אויף זיי אַראָפּגעלאָזט...

און נישט נאָר די געשיכטע פון די יידן אין אייראָפּע איז מצד די כראָניקער א סך פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן! אויך וועגן פריערדיקע אַנדערע יידישע קיבוצים פעלן די קוואַלן פון יידישן כראָניקער.

יידישע היסטאָריקער זענען געצוווּנגען צו שטיצן זיך אויף מאַטעריאַלן פון נישט־יידישע כראָניקער, וואָס זענען ס׳רוב ווייט פון אָביעקטיווקייט און אין זייערע אַרבעטן קענטיקט זיך בולט אַן איינזייטיקייט; אָפט — יידן־פיינטשאַפט.

איך האָב אַמאָל געלייענט, אז דער באַוווּסטער יידי־שער כראָניקער פון 16טן יאָרהונדערט — **יוסף הכהן**, האָט פעסטגעשטעלט, אַז אין משך פון פופצן הונדערט

יאָר — פון יאָזעפיוס פלאַוויוס ביז זיין צייט — זענען פשוט נישט געווען קיין יידישע כראָניקער, וואָס זאָלן פאַרשרייבן די געשעענישן, ווי אַ דאָקומענטאַציע פאַר די קומענדיקע דורות. דעריבער ווייסן מיר נישט פון יידישע קוואַלן וועגן די יידישע קיבוצים פון אָט די פיר אימפעריעס: פון פאַר־קריסטלעכן רוים; פון קריסטלעכן ביזאַנטיום; פון פערסיע און פון אַראַבישן קאַליפאַט.

דובנאָוו האָט געזאָרגט, אַז דער פעלער זאָל זיך נישט איבערחזרן אין אונדזער צייט. דעריבער האָט ער געבעטן צו פאַרנאָטירן די אינדיווידועלע און קאָלעק־טיווע איבערלעבונגען, די ליידן און דערנידערונגען פון די יידן אין געטאָ און אויסערן געטאָ, אויך דעם פאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד, פון דעם יידישן יחיד און כלל, בעת דער שונא האָט געפייניקט און געמאָרדעט.

*

דאָס וואָס איך דערצייל אין דעם בוך איז כראָניק פון מיינע אייגענע איבערלעבונגען, וואָס איך האָב זיך צוגעזען מיט מיינע אויגן, און פון דעם וואָס פריינד און באַקאַנטע, אחים לצרה, האָבן מיר דערציילט וועגן געשעענישן פון וועלכע זיי זענען געווען לעבעדיקע עדות.

מיין בוך פרעטענדירט נישט צו זיין מער ווי פאַר־נאָטירונגען פון איבערלעבענישן אין פאַרשידענע אָפּ־שניטן פון דער נאַצישער תקופה. איך האָף, אַז מיינע פאַרצייכענונגען וועלן קענען, אפשר, דינען דעם קומענ־דיקן יידישן היסטאָריקער וואָס וועט שרייבן די געשיכטע פון יידישן אומקום סיי פון דעם זעקס מיליאָניקן יידישן

קרבן און פון דעם איינעם — פון די יחידים, וואָס זענען על פּי נס געבליבן לעבן.

✶

איך דערצייל פון מיין משפּחה וואָס איז אומגעקו־מען: דער פאָטער ע"ה און מיין עלטערער ברודער, וואָס איז געווען צו מיר, א חוץ א געליבטער ברודער, אויך א טייערער נאָענטער פריינד, מיין יונגערע שוועסטער מיט איר מאַן, מיינע פעטערם און מומעס און די אַלע פון מיין פאַרצווייגטער גרויסער משפּחה, וואָס זענען אריין אין דער צאָל: — זעקס מיליאָן...

א חוץ משפּחה־מיטגלידער וויל איך דערמאָנען מיינע טייערע אומגעבראַכטע חברים: צוקערמאַן, קאַטשמאַן — אָנצורופן נאָר א צוויי נעמען — פון דער גרויסער צאָל פון מיינע אומגעבראַכטע פריינד אין טרעבלינקע, אוישוויץ און אַנדערע אַזעלכע טויט־לאַגערן, וועמענס נעמען זענען אַרויסגעשווומען אין די יאָרן פון קאַטאַק־ליזם און זיי זענען דאָך געוואָרן סימבאָלן פון אונדזער גרויסן יידישן חורבן, וועלכן איך שילדער אין מיין בוך.

זעקס מיליאָן — און איינער...

איך שרייב די שורות אינעם זיבעציקסטן יאָר פון מיין לעבן. ווען איך קוק צוריק אויף דעם גאַנג פון מיינע יאָרן, זע איך ליכטיקע, גליקלעכע מאָמענטן באַגלייט מיט א סך טראַגישע דורכלעבונגען אינעם לעצטן דריטל יאָרהונדערט פון מיין לעבן; די טראַגישע חורבן־יאָרן אין וואַרשעווער געטאָ, אין די לאַגערן און אין די אויסבאַהעלטענישן אויסער דעם געטאָ, ווו איך האָב כסדר געזען דעם מלאך המוות פאַר די אויגן און דורך ניסים זיך ארויסגעריסן פון זיינע נעגל.

עס איז געווען אן אצבע אלוהים אין מיין בלייבן לעבן יעדעס מאָל וואָס איך בין געשטאַנען ביים ראַנד פון אָפּגרונט און געטראַכט: אָט איז שוין דער סוף — און עס איז תמיד געשען א נס... מיין גרויסע משפחה און פיל פון מיינע נאָענטסטע פריינד האָבן, לײַדער, נישט געהאַט אָט דעם זכות און געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן... איך האָב געהערט צו די אויסנאַמען, וואָס האָבן דורכגעמאַכט אלע שבעה מדורי גיהנום אין די טראַגישע יאָרן פון פּיין און אומקום און געהאַט די זכיה זיי איבערצולעבן און קענען זיי איצט פאַרצייכענען לויט מיין זכרון.

אָבער איידער איך גיי צו צום טראַגישסטן קאַפּיטל, וויל איך ארויסברענגען עטלעכע ביאָגראַפישע פּרטים פון מיר און מיין פאַמיליע ביזן גרויסן חורבן. דאָס וועט זיין א מין הינ־

טערגרונט צו מיין וויטערדיקער געשיכטע פון „זעקס מיליאָן און — איינער״...

איך בין געבוירן געוואָרן כמעט אויף דער שוועל פון היינטיקן יאָרהונדערט (1901) ביי אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. מיין פאָטער, מלך לאַנקער, האָט אָנגעפירט מיט אַ גרויסער העמדערפאַבריק מיט פאַרצווייגטע האַנדלס־באַציונגען אין רוסלאַנד. זיינע געשעפטלעכע רייזעס פלעגן זיך פאַרציען אויף לאַנגע מאָנאַטן איבער רוסישע שטעט. מיר — די קינדער — זיינע צוויי זין און צוויי טעכטער — זענען געווען שטאַרק אומצופרידן פון טאַטנס אָפּוועזנהייט און זיין לאַנגן פאַרזאַמען זיך אויף די נסיעות. די השגחה איבער אונדז פלעגן דעמאָלט האָבן די מומעס און די באָבע, וואָס פלעגן זיך פאַרנעמען מיט אונדז און געבן אונדז קליינגעלט.

אין מיין משפחה, וואָס האָט בדרך כלל געהערט צום מיטלקלאַס, מיט סוחרים און אינדוסטריעלער — זענען אויך געווען רבנים און גרויסע למדנים. מיין זיידע איז געווען אַ רב (הרב ר׳ חיים שלום לאַנקער); מיין פעטער איז געווען, הרב ר׳ יוסף לייב לאַנקער. אַן אַנדערער פעטער האָט געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה. אַ קוזין האָט געלערנט אין וואַרשעווער „תחכמוני״. איך געדענק די גרויסע ספרים־שאַנק ביי מיין זיידן. ער האָט געהאַט זעלטענע עקזעמפּלאַרן פון אַלטע ספרים און אַנטיקן. עס פלעגן קומען קריסטלעכע גייסטלעכע צו באַקענען זיך מיט די זעלטענע אַנטיקן, וואָס זענען געווען אַ יקר־המציאות אויך פאַר אַנטיקוואַרן.

מיין באָבעס עלטערן האָבן געהאַט אַ גרויס געשעפט פון מוזיקאַלישע אינסטרומענטן און מיין באָבעס ברודער האָט אַלס קינד שוין אַרויסגעוויזן ווירטואָזישע פעיקייטן אין מוזיק. מען האָט דערציילט, אַז אַ גרויסער יידישער באַנקיר, טעפּליץ,

פון איטאַליע האָט בעת זיינס א נסיעה קיין ווארשע געהערט דאָס קינד שפּילן פידל. ער האָט פאַראויסגעזען פאַר אים א גרויסע קאַריערע און געהאָלפן אים מאַטעריעל אין זיין מוזי־קאַלישער פאַרפולקאָמונג. ער איז טאַקע אויסגעוואַקסן א גרוי־סער קינסטלער.

אין „די גרויסע אַלגעמיינע אילוסטרירטע ענציקלאָפּעדיע", ארויסגעגעבן אין קראָקע (פּוילן), דורך דעם פאַרלאַג „גוטענ־בערג" ווערט טאַקע דערמאָנט וועגן אָט דעם גרויסן פּוילישן (?) פידל־ווירטואָז, איזידאָר לאָטאָ, וואָס איז אויך געווען א באַ־גאַבטער קאָמפּאָזיטאָר, און געהאַט א סעריע אויסערגעוויינט־לעכע טריומף־קאָנצערטן איבער גאַנץ אייראָפּע (9טער באַנד, זייט 163).

איך האָב זייער פיל געשיכטעס זיך אָנגעהערט וועגן זיינע קאָנצערטן אין ענגלישן קעניגלעכן פּאַלאַץ, ווי ער איז געווען דער ליבלינג פון דער קעניגין וויקטאָריע, אויך וועגן זיינע גאָר גרויסע דערפּאָלגן בעת זיינע אויפטריטן אין אַלע אייראָפּעישע מעטראָפּאָליעס. שוין אין די שורות, וואָס די פּוילישע ענצי־קלאָפּעדיע האָט אים געווידמעט, זעט זיך, אז זיין מוזיקאַלישער רום איז געווען א שטאָלץ נישט נאָר פאַר זיין פאַמיליע און זיין פאָלק, נאָר אויך פאַר פּוילן.

עס זענען ארומגעגאַנגען וועגן אים א שלל מיט לעגענ־דעס, וואָס איך האָב געהערט דערציילן פון זקנים, וואָס האָבן אים נאָך געדענקט פון זייערע יוגנט־יאָרן.

מוזיקאַלישע נייגונגען און ליבשאַפט צו פידל־שפּילן איז איבערגעגאַנגען בירושה אין מיין משפּחה צו א ריי קרובים. איך געדענק זייער גוט, ווי מיין פאָטער פלעגט אין א פרייער מינוט שפּילן פידל און זיך ארויסטאָן פון זיין וואָכעדיקייט.

ער האָט אָבער זייער ווייניק פרייע צייט געהאַט צוליב זיינע געשעפטלעכע לאַנגע נסיעות.

זיין ארומפאָרן איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד האָט אונדז נישט געלאָזן אויף גאָטס באַראַט. מיר, די קינדער, האָבן באַקומען מיטעלע און העכערע אויסבילדונג און אָנגע־זעענע יידישע פּערזענלעכקייטן אין ווארשע האָבן זיך באַמיט מיר זאָלן ווערן קוואַליפיצירט אין באַנק־וועזן, ווו מיין עלטע־רער ברודער לעאָפּאָלד האָט שנעל אַוואַנסירט צו דער פּאָזיציע פון ערשטער קאָנטראָלער אין דער „דיסקאָנטיר־באַנק" פון ווארשע.

איך האָב זיך נאָך באַזונדערס ספּעציאַליזירט אויף דער „באָרראָ־מאַשין" — אין יענער צייט האָבן גאַנץ ווייניק מענטשן זיך געקענט באַנוצן מיט דער מאַשין — און אויך אָנגעהויבן ארבעטן אין באַנק־וועזן. איך האָב גאַנץ שנעל אַוואַנ־סירט צו דער זעלבער הויכער פּאָזיציע ווי מיין ברודער און זי פּאַרנומען ביזן נאַצישן אָנפאַל אויף ווארשע.

פון מיין פריסטער יוגנט בין איך געווען געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. איך האָב געהערט צו דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, און כ׳געדענק א צוזאַמענטרעף אין די צוואַנציקער יאָרן מיט דר. נחום גאָלדמאַן (1925). עס דערמאָנט זיך מיר די „וויזאָ"־אַקטיוויטעטן אויף טוואַרדע גאַס. איך האָב זיך אויך באַטיי־ליקט אין ספּאָרט, וואָס כ׳האָב שטאַרק ליב געהאַט און אָנטייל־גענומען אין פאַרשידענע ספּאָרט־פאַרמעסטונגען. מען איז געווען יונג און פול מיט לעבן. איך האָב פון פראָסטן האַלץ זיך געמאַכט אפילו א יאַכט, געהאַט א שטיקל שווים־באַסיין אויפן ווייסל און ס׳איז געווען גוט.

איך געדענק גוט די אַלע וווילטעטיקע אינסטיטוציעס צו וועלכע איך האָב געהערט („לינת הצדק", „חסד של אמת",

דער יידישער שפּיטאָל אויף טשיסטע), שוין יונגערהייט בין איך געווען אריינגעצויגן אין פיל אָרגאַניזאַציעס און אינסטי־טוציעס וואָס זענען געווען מיר נאָענט און וויכטיק.

✶

אויף דעם אָרט איז כדאי צו באַמערקן, אז שוין יונגער־הייט האָב איך דורכגעמאַכט פיל אין מיין לעבן. נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג, ווען פּוילן איז געוואָרן א זעלבסשטענדיקע מלוכה, בין איך אַלט געווען ביי א 17 יאָר. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס איז אויסגעבראָכן דער סאָוועטיש־פּוילישער קריג. איך האָב גלייך וואָלונטירט אין דער פּוילישער אַרמיי, געוואָרן א ראַדיאָ־טעלעגראַפיסט און געאַרבעט אין א מיליטע־רישער אָפּטיילונג אונטער דער אָנפירונג פון קאַפּיטאַן פירשט פּריגאָדסקי. עס איז מיר אויסגעקומען בייצוזיין די קריגס־שלאַכטן ביי וואַרשע, סעראָצק, פּולטוסק, גראָדנע — אַזש ביז קיעוו. געהאַט האָב איך א שווערע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע איבערצוהאַקן די קאָמוניקאַציע־ליניעס פון שונא, אַן אַרבעט וואָס מען האָט, געוויינטלעך, געקענט טאָן נאָר אויף דער נאַכט.

איך האָב זיך שטאַרק אויסגעצייכנט אין דער אַרבעט און דער קאַפּיטאַן פּריגאָדסקי האָט מיך געמאַכט פאַר אַן אָפּי־ציר און האָט מיר פאַר מיינע העלדישקייטן בעת די שלאַכטן געגעבן צוויי מעדאַלן: איינעם בעת די קאַמפן ביי די טויערן פון וואַרשע — א צווייטן ביי די טויערן פון ליטע.

איך האָב אויך געקראָגן צוויי מאָל קרייץ־אָרדנס, אויסצײ־כענונגען פאַר מיין איבערגעגעבענער דינסט אין קריטישע מאָמענטן אויפן קריגס־פראָנט.

כ׳בין געווען נאָך זייער יונג, אָבער פול מיט געוואַגט־קייט און ריזיקאַלישער איינשטעלערישקייט אויף געפערלעכע פּאָזיציעס. די מיליטערישע מאַכט האָט דאָס גענומען אין אכט און מיר דערפאַר געגעבן די אויסצייכענונגען. איך האָב זיך מיט מיין קאָמאַנדיר זייער גוט זיך איינגעלעבט. איין פאַל איז אָבער געווען, ווען איך האָב נישט געקענט אויספירן זיין באַפעל. דאָס איז געשען, ווען דער שונא האָט זיך דערנענטערט צו אונדזערע פּאָזיציעס און דער קאָמאַנדיר האָט מיר באַפוילן צו קאָנטראָלירן אַן המון פון עטלעכע הונדערט פּערזאָן, צי זיי געהערן נישט צום לאַגער פון שונא.

איך האָב זיך קעגנגעשטעלט, אויפווייזנדיק, אַז ס׳איז אַ געפערלעכער באַפעל. איבער אונדזערע קעפּ האָבן געפלאַקערט די קריגס־פייערן און מיר זענען געווען אין זייער אַ קריטישער לאַגע.

אונדזער מיליטערישע אָנפירונג האָט איינגעזען צו שפּעט, אַז מיר זענען ארומגערינגלט און מען דאַרף זיך ראַטעווען, ווי איינער קען נאָר. דער קאָמאַנדיר האָט צעטיילט אונדז אויף באַזונדערע גרופּעס. איין גרופּע איז אוועק אין איין ריכטונג און אַ צווייטע אין אַן אַנדערער. אין מיין גרופּע זענען מיר געווען נאָר צוויי יידן און מיר האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען.

אַ צווייטער טראַגישער מאָמענט פון יענער צייט איז געווען, ווען גענעראַל האַלער מיט זיינע לעגיאָנען האָבן אָנגעהויבן ווילדעווען איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן, געוואָרפן פון די באַנען יידן, געריסן יידישע בערד און די יידישע זעלנער אינטערנירט אין דעם טרויעריק־באַרימטן לאַגער יאַבלאָנע.

מיין אָפּטיילונג איז געווען נאָר זיבן מייל פון יאַבלאָנע און דער קאַפּיטאַן פּריגאַדסקי האָט לגבי מיר און דעם צווייטן

ייד — איגנאָרירט דעם באַפעל צו אינטערנירן אונדז. ער האָט פאַר דער העכערער מאַכט שטאַרק געלויבט מיין מיליטערישן רעקאָרד און זיך כסדר באַמיט איך זאָל בלייבן מיט אים. אזוי ארום האָב איך אויסגעמיטן דעם טרויעריקן קאַפּיטל יאַבלאָננע.

ווי באַוווּסט איז אָט דער שענדלעכער אינטערנירונגס־לאַגער פאַר יידישע זעלנער געקומען לויט א באַפעל פון גענע־ראַל סאָסנקאָווסקי, וועלכער האָט באַטראַכט די יידן פאַר דעם „אינערלעכן שונא״. אזא „באַלוינונג״ האָבן באַקומען די פריי־וויליקע טויזנטער יידישע סטודענטן, וואָס זענען פון די שול־בענק אוועק צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד. זיי זענען געקומען פון די העכערע קלאַסן מיטלשולן און פון די אוניווערסיטעטן מיט א שטאַרקן פוילישן פאַטריאָטיזם און וואָלאָנטירט מיט געווער אין די הענט צו פאַרטיידיקן די פוילישע ערד. די יידישע זעל־נער און אָפיצירן וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער באָלשעוויס־טישער אינוואַזיע זענען אויף דעם שענדלעכסטן אופן דערני־דעריקט געוואָרן דורך דעם לאַנד וואָס זיי זענען געגאַנגען פאַרטיידיקן. ווידער די פרייוויליקע יידישע סטודענטן האָבן א חוץ דעם „פּראָלאָג״ אין יאַבלאָננע געקראָגן א „צוגאָב״ ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן — דער טרויעריקער „עפּילאָג״ אין די פוילישע אוניווערסיטעטן מיט איינפירן די יידישע געטאָ־בענק פאַר זיי . . .

מיר האַלטן אָבער דערווייל נאָך אין די צייטן פון „פּראָ־לאָג״ צו וועלכן עס געהערט אויך דער טראַגישער קאַפּיטל מיט דעם פּלאָצקער רב. ווי באַקאַנט איז הרב שאַפּיראָ באַשולדיקט געוואָרן, אז ער האָט בעת דעם סאָוויעטיש־פוילישן קריג גע־געבן געהיימע צייכנס און סיגנאַלן צו די באָלשעוויקעס בעת ער האָט געדאַוונט אויף זיין באַלקאָן . . . אָט דער שענדלעכער בילבול האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום און

אויפגערודערט די גאַנצע יידישע וועלט מיט א נייעם עלילת־דם.

דער משפט פון גרייז־גראָען רב און דער טויט־אורטייל אויף אים וואָס איז גלייך אויסגעפירט געוואָרן, געהערט צו די געמיינסטע שאַנד־טאַטן פון דער פוילישער יוסטיץ אין אומ־אָפּהענגיקן פוילן! די פוילישע יוסטיץ־מאַכט און די רעגירונגס־אָרגאַנען איז געגאַנגען אין לעבן צו פאַראייביקן אָט דעם נידער־טרעכטיקן בילבול אויף א יידישן רב און דערפאַר נישט דער־לאָזט די יידישע סיים־דעפּוטאַטן און די גרעסטע יידישע אַדוואָ־קאַטן אַראָפּצונעמען דעם שאַנדפלעק פון דער פוילישער יוס־טיץ דורך רעהאַביליטירן דעם מאַרטירער־רב וואָס איז געפאַלן א קרבן פון א בילבול.

אָט דער טרויעריקער קאַפּיטל איז פאַרבליבן לדור דורות אין דעם ספר הזכרון פון אומאָפּהענגיקן נייעם פוילן, ווו פּאָ־ליאַקן האָבן באַלד פון אָנהייב אָנגעהויבן א העצע קעגן יידן צו פאַרסמען זייער לעבן. דאָס איז געווען אַן אָנהויב אין גייסט פון היטלעריזם. מיט א פּאָר צענדליק יאָר שפּעטער האָבן פיל פון זיי געהאָלפן די נאַציסטן פּטור צו ווערן פון די יידן, אָבער דאָס געהערט שוין צו א ווייטערדיקן קאַפּיטל...

איך האָב דעם סאָוויעטיש־פוילישן קריג אין 1920 דורכ־געמאַכט ביזן סאַמע סוף (אַזוי אויך מיין עלטערער ברודער לעאָפּאָלד, וועלכער האָט געדינט אין דער פוילישער אַרמיי, אין פינפטן אינפאַנטעריע־פּאָלק). אויך נאָכן קריג איז מיר נאָך אויסגעקומען צו דינען אין דער אַרמיי נאָך ניין מאָנאַטן ביז כ׳האָב פאַרענדיקט דעם פולן פּעריאָד פון מיין אָבליגאַ־טאָרישן מיליטער־דינסט. זעלבסטפאַרשטענדלעך האָט מען מיר צוגערעכנט די צייט וואָס איך האָב געדינט אלס פרייוויליקער

אין דער ארמיי אין דער צייט פון פּויליש־סאָוויעטישן קריג, וואָס איך באַשרייב אויבן.

באַפרייט פון מיליטער־דינסט, האָב איך פון אָנהייב געאַרבעט אַלס בוכהאַלטער עטלעכע יאָר, און נאָכדעם, אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון אָנגעזעענע יידישע פּער־זענלעכקייטן בין איך אָנגעקומען אויף אַ פּאָסטן אין אַ באַנק, וואָס האָט געהייסן „אַלגעמיינע קרעדיט־באַנק" אין וואַרשע. פיל אַפּליקאַנטן זענען געווען אויף דעם פּאָסטן, אָבער מיינע קוואַליפיקאַציעס אויף דער „באָררא־מאַשין" האָבן צוגעהאָלפן מיך צו אָקצעפּטירן.

נאָכן אָננעמען מיך איז פּאָרגעקומען אַזאַ כאַראַקטעריס־טישער קוריאָז: 2 דירעקטאָרן און אַ פּאַרטרויאונגס־מאַן פון דער באַנק האָבן ביים אויפנעמען מיינע פּערסאָנאַליען מיך פלוצלונג אַ פרעג געטאָן וועגן מיין נאַציאָנאַליטעט. איך האָב זיי געענטפערט, אַז איך בין אַ ייד. דאָס האָט זיי דערשטוינט און זיי זענען געבליבן אָן לשון. נאָך אַ וויילע האָבן זיי אַ זאָג געטאָן צו מיר: „מיר האָבן געמיינט, אַז דו ביסט אַ לוטער־יאַנער, אָדער אַן עוואַנגעליסט. האָסט אין גאַנצן נישט אויס־געזען ווי קיין ייד".

— וואָס איז שלעכט, אַז איך בין אַ ייד? — האָב איך אַן אויפגערעגטער געפרעגט זיי. איך האָב דערמאָנט, אַז פּוילן האָט געשיקט צו דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער פעלקער־ליגע אַ ייד, דעם חשובן פּראָפעסאָר דר. אשכנזי, און אויך פון אַנדערע לענדער און פעלקער זענען געקומען צענדליקער יידישע דעלעגאַטן אַלס רעפּרעזענטאַנטן.

זיי האָבן שוין מער וועגן דעם נישט גערעדט קיין וואָרט און איך האָב אָנגעהויבן אַרבעטן אין באַנק. אין די שפּע־טערדיקע יאָרן איז מיר קלאָרער געוואָרן די פראַגע, וואָס

אַט די דירעקטאָרן האָבן מיך געשטעלט. איך האָב זיך דער־וווּסט, אַז איינער פון זיי איז אַ געשמדטער ייד, גראָסער האָט ער געהייסן. זיין פרוי איז געווען אַ פּאָליאַטשקע. איין דירעק־טאָר איז געווען אַ דייטש מיט אַ טיטל „פאָן". די אַנדערע דירעקטאָרן זענען אויך נישט געווען קיין אָנהענגער פון באַ־שעפטיקן יידן אין באַנק, כאָטש דער קאַפּיטאַל פון דער באַנק איז געווען אַ יידישער...

אַ דאַנק מיינע פּאָר יאָר שטודיום אין אוניווערסיטעט וועגן באַנק־וועזן, האָב איך באַוויזן גאָר שנעל צו אַוואַנסירן צו אַ העכער פּאָזיציע. איך האָב באַקומען דעם הויכן פּאָסטן פון „ערשטער קאָנטראָלער" און איך האָב דעם פּאָסטן אָנגע־האַלטן ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג.

✶

אין יענער צייט האָב איך מיט גרויסע האָפענונגען געקוקט אויף דער צוקונפט. מאַטעריעל גוט סיטואירט, האָב איך אין 1934 חתונה געהאַט מיט האַלינאַ מייזעל. איר פאָטער בערנאַרד מייזעל איז געווען אַ קוזין פון מאָוריצי מייזעל, וועלכער איז במשך פון יאָרן געווען וויצע־פּרעזידענט פון וואַרשעווער שטאָט־ראַט.

מיין שווער איז געווען אַ גאָר פאַרמעגלעכער מענטש, אַ הויז־אייגנטימער און ער האָט אויך געפירט גרויסע מסחרים אין וואַלד־געהילץ. ער איז געווען געשעפטלעך פאַרבונדן מיט ראַבינאָוויטש־מיליקאָווסקי, וואָס האָבן געהאַט וועלדער ביי סלאָנים-באַראַנאָוויטש און ביזן אויסברוך פון קריג פלעגן זיי עקספּאָרטירן קיין ענגלאַנד געהילץ אויף מיליאָנען זלאָטעס. מיין שווער נופא האָט אין דער באַנק וווּ איך האָב געאַרבעט



וואַרשע: די גרויסע שול אויף טלאָמאַצקע גאַס. — לינקס: דער בנין פון דער גמינע אויף גזשיבאָווסקע גאַס. (פאָטאָפאַרבערט).

THE TLOMACKA SYNAGOGUE. Left: THE JEWISH COMMUNITY HOUSE (GMINA) ON GRZYBOWSKA STREET. (FOTOFORBERT)

געהאַט אַ קרעדיט („אָווערדראַפט”) בערך אויף אַ מיליאָן זלאָטעס. מיין רייכער שווער האָט איינגעאָרדנט אונדזער חתונה מיט אַ ברייטער האַנט. די צילינדערס אין דער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע, ווו עס איז פאָרגעקומען די חתונה, האָבן אַרויסגעגלאַנצט פון דעם גרויסן עולם פאַרבעטענע געסט (בערך 1.500 פערזאָן), וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער שמחה.

עס געפינט זיך דאָ אין מעלבורן אַ פרוי, וואָס איז געווען דאַן אויף מיין חתונה און זי דערמאָנט מיך אָפט וואָס פאַר אַ פייערלעכקייט עס איז געווען דעמאָלט אויף דער שמחה, באַזונדערס, הרב דר. שאָר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער צערעמאָניע. יעדעס מאָל ווען איך טרעף זיך אין מעלבורן מיט דער פרוי, דערמאָנען מיר יענע צייטן, ווען מיר זענען נאָך אַזוי יונג געווען און דאָס לעבן האָט פאַר אונדז אויסגעזען אַזוי ראָז, פול מיט האָפענונגען אויף אַ גליקלעכער צוקונפט.

איך בין געווען גוט סיטואירט, אויף אַ הויכן גוט־באַצאָלטן פּאָסטן. מיין פאַמיליע פלעגט אויף אַ זעקס מאָנאַטן אין יאָר אַרויספאָרן אויף זומער־וווינונג קיין שווידער (לעבן וואַרשע). עס איז געווען נאַטירלעך מיין אָפּטימיסטישער לעבנס־בליק אויף דער צוקונפט. מאַטעריעל גוט איינגעאָרדנט אויף אַ הויכן פּאָסטן, און צו דעם האָב איך אויך געהאַט דעם כבוד נאָמינירט צו ווערן אַלס דריטער ריכטער אין הויכן געריכט אין וואַרשע — אַ פּאָסטן וואָס כ'האָב אָנגעהאַלטן במשך פון ניין יאָר ביז עס איז געקומען דער נאַצישער חורבן.

איך האָב זיך באַמיט אויך צו טאָן עפּעס פאַר אַנדערע נויטבאַדערפטיקע. איך האָב דערמאָנט מיין אָנטייל אין אַ ריי אינסטיטוציעס. איך האָב אויך פּריוואַט געהאָלפן מענטשן.

אין די הייזער, ווו איך האָב געהאַט מיין וווינונג איז געווען א סטרוזשקע, וואָס האָט געהאַט מוזיקאַליש־באַגאַבטע זין. זי האָט נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו זאָרגן פאַר זייער מוזיקאַלישער אויסשולונג, האָב איך זיי געהאָלפן און זיי זענען טאַקע אויסגעוואַקסן טאַלאַנטירטע מוזיקערס. איך האָב אויך געהאָלפן איר מאַן צו קריגן א פּאָסטן ביי דער אייזנבאַן. נאַטירלעך האָב איך צו יענער צייט נישט געקענט חלומען אפילו, אז כ'וועל דאַרפן אָנקומען אין יאָרן שפּעטער נאָך הילף צו דער סטרוזשקע. האָט דען ווער געקענט אַנען וואָס עס וועט געשען דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 ?

דעם אמת געזאָגט, האָט מיך די לעצטע פּאָר יאָר, פאַרן מבול, עפּעס יאָ געזאָגט, באַזונדערס זינט היטלער האָט אָקופּירט עסטרייך. די באַנק אין וועלכער איך האָב געאַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט דער „לאַנדערבאַנק" אין ווין, וואָס איז געווען ווי א מין „מוטער" צו אונדזער באַנק. ווידער אין פּאַריז איז געווען א באַנק מיטן נאָמען: „פּיי־דע־באַר אָף יוראָפּ", און זי איז געווען ווי א מין „פּאַטער" צו אונדזער באַנק אין וואַרשע.

ווען די נאַצים האָבן פאַרנומען ווין האָט די „העמפּטאָן באַנק" אין ענגלאַנד איבערגענומען א טייל פון דער „לאַנדערבאַנק" אין ווין. דער דירעקטאָר פון אונדזער באַנק האָט דעמאָלט אויסגעצאָלט דער ווינער באַנק (אָקופּירט שוין פון די נאַצים) אלץ וואָס איז איר געקומען. ער האָט געמיינט, אז ער האָט זיך איינגעקויפט ביי די נאַציסטן דערמיט, וואָס ער האָט אזוי לייכטזיניק אויסגעליפערט זיי א מטמון מיט געלט. אָבער ווען די היטלעריסטן האָבן פאַרנומען וואַרשע, האָבן זיי אים טאַקע גאַנץ שיין „באַלוינט" פאַרשיקנדיק אים אין א ריי לאַגערן . . .

איך וויל דאָ דערציילן אַ מערקווירדיקן פאַל: עטלעכע וואָכן פאַרן נאַצישן אריינמאַרש קיין פּוילן, האָב איך געאַרבעט מעשים מיט מיין באַנק־דירעקטאָר, ער זאָל איינפּאַקן דאָס פּעקל, נעמען פון דער באַנק מזומן און אין דער שפּעטער „עלפטער" שעה אַוועקפליען דורך יאַפּאַן צום מערב. ער האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגן און פאַרבליבן אין פּוילן. געמיינט, אַז אַזעלכע דזשענטלמענער ווי ער האָבן נישט וואָס מורא צו האָבן... די דערפאַרונגען אין עסטרייך, טשעכיע, און דייטשלאַנד גופא, האָט זיי גאַרנישט געלערנט... איך האָב געוואָרנט מיינע פריינד און אין דער לעצטער מינוט נאָך געהאָלפן זיי פון אונדזער באַנק ארויסציען זייערע דעפּאָזיטן. אָבער איך אליין האָב מורא געהאַט פּערזענלעך ארויסצוציען מיין דעפּאָזירט געלט, צוליב דעם, וואָס עס האָבן געאַרבעט אַזוי פיל א"ג פאָלקס־דייטשן אין דער באַנק און כ'האָב גע־ציטערט אימת מוות זיי זאָלן מיך נישט אָפּרוימען...

איך האָב געהאַט אַ פאָרגעפיל, אַז די באַנק־„קאָלעגן" קוקן מיר אויף די הענט און זיי זוכן נאָר אַ געלעגנהייט מיך צו פאַרמסרן דאָרט וווּ מען וועט דאַרפן. האָב איך זיך געהיט פאַר זיי ווי פאַר פייער און מפקיר געווען מיין געלט צו ראַ־טעווען דאָס לעבן.

אַז מיין פאָרגעפיל איז געווען אַ ריכטיקער, האָט שפּע־טער אַביסל באַוויזן דער טראַגישער פאַל מיט מיין שוואָגער יעזשיק מייזעל, וואָס האָט פאַר דער מלחמה אַזוי אומשולדיק געשמועסט מיט זיינע באַנק־„קאָלעגן" און זיך אויסגעדריקט, אַז אין פאַל פון אַ קריג צווישן די מערב־מלוכות און דייטש־לאַנד וועט די לעצטע פאַרשפּילן מיט אַ ביטערער מפּלה. נאַטירלעך האָט ער נישט פאַרויסגעזען, אַז די „קאָלעגן" וועלן דאָס שפּעטער אויסנוצן און עס וועט געשען מיט אים דאָס

מיין שוואָגער יעזשיק מייזעל ע״ה

וואָס איז געשען... (ער איז נאָך זייער מסירה פאַרשיקט געוואָרן אין די טויט־לאַגערן און איז אומגעקומען אין מײַ־דאַנעק אָדער טרעבלינקע).

ערשטער סעפּטעמבער, 1939

די דײַטשישע אינוואַזיע איבער פּוילן האָט זיך אָנגע־הויבן דעם 1טן סעפּטעמבער מיט שרעקלעכע באָמבאַרדירונגען. הונדערטער דײַטשישע עראָפּלאַנען זענען מיטאַמאָל, געקומען איבער די שטעט און וועגן. די פּאַניק צווישן דער באַפעל־קערונג איז געווען אין לשער! הרוגים, ברענענדיקע הײַזער, דאָס לויפן זיך ראַטעווען אין די קעלערן פון שטאָקן פון וועלכע עס פעלן שוין די טרעפּ. אומעטום — פאַרוויסטונג און טויט. די ציווילע באַפעלקערונג איז געבליבן אָן באַשיצונג פון אויבן. די פּוילישע אַוויאַציע איז באַלד, כמעט אין ערשטן טאָג, געוואָרן פאַרניכטעט, נישט אין דער לופטן נאָר אויף דער ערד, פון וועלכער די פּוילישע עראָפּלאַנען האָבן נישט באַוויזן צומאָל זיך אויפצוהויבן. אויך די פּוילישע לופט־אָפּוועהר־קאַנאָנען האָבן זיך ארויסגעוויזן פאַר מאַכטלאָז קעגן די דײַטשישע אָנפליען, וואָס האָבן באַהערשט די לופט־רע־גיאָנען איבער דער מעטראָפּאָליע און איבערן לאַנד.

אין די ערשטע טעג פון דער דײַטשישער אינוואַזיע האָט מען געמיינט, אַז וואַרשע וועט זיך נישט אונטערגעבן. עס זענען אַנטשטאַנען ספּאָנטאַן - פאַרמירטע בירגער - באַטאַליאָנען צו פאַרטיידיקן די הויפּטשטאָט. אָבער די רעגירונג גופא האָט יאָ פאַרלאָזט וואַרשע מיטנעמענדיק מיט זיך די מלוכה־אַר־

כיוון און דאָס גאָלד פון מלוכה־אוצר. דער פּוילישער גענעראַל־שטאַב מיט זיינע הויפּטפירער האָבן פּלאַנירט צו קעמפן און אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד אויף דער ליניע פון דעם טייך בוג, אָבער עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געמאַכט דעם חשבון אָן באַלעבאָס — דער היטלער־סטאַלין פּאַקט.

ערשט דעם 18טן סעפּטעמבער האָט אָנגעהויבן פאַר אונדז קלאָרער צו ווערן די צעטיילונג פון פּוילן צווישן דייטש־לאַנד און רוסלאַנד. אָבער די ערשטע העלפט פון סעפּטעמבער האָט מען נאָך געהאַט די אילוזיע, אַז די פּוילישע אַרמיי וועט נאָך קענען אָרגאַניזירן אַ ווידערשטאַנד דעם שונא. איז כמעט אין יעדער משפּחה בעת דער בהלה געשטאַנען די פראַגע: בלייבן אָדער פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט? דער פּוי־לישער ראַדיאָ פלעגט איבערגעבן פון גרויסע שלאַכטן, וואָס האָבן געפּרוּווט אָפּשטעלן דעם נאַצישן פאַרויסמאַרש, פון גרויס־העלדישע מעשים פון פּוילישע אולאַנער־אָפּטיילונגען ביי דעם און יענעם טייך פון פּוילן.

דעם 7טן סעפּטעמבער אין אָוונט האָט דער ראַדיאָ אי־בערגעגעבן אַ באַפעל פון דעם פּראָפּאַגאַנדע־שעף פון פּוילישן גענעראַל־שטאַב, פּולקאָווניק ראָמען אומיאַסטאָווסקי, אַז אַלע מענער וואָס זענען פעיק צו מיליטער־דינסט זאָלן פאַרלאָזן וואַרשע און נאָכפאָלגן דער אַרמיי אין דער מזרח־ריכטונג, ווו זיי וועלן ווערן מאָביליזירט".

דער פּרעמיער־מיניסטער סלאַוואָי־סקלאַדקאָווסקי האָט דורכן ראַדיאָ אין אַ קורצער געזעגענונגס־רעדע צום פּוילישן פאָלק געזאָגט, אַז „צוליב דער סכנה, וואָס דראָט וואַרשע, מוז די רעגירונג פאַרלאָזן די הויפּטשטאָט מיטן פעסטן באַ־שלוס זיך אומצוקערן נאָך דער זיגרייכער ענדע פון קריג".

איך בין אוועק פון ווארשע אָנהייב סעפּטעמבער צו די מזרח־געביטן. עס איז געווען אַן „עקזאָדוס" וואָס איז שווער צו באַשרייבן. איבער אונדזערע קעפּ האָבן געראַשט דייטשישע עראָפּלאַנען, וואָס האָבן געזייט באָמבעס אויף אַלע וועגן. די הויפּט ־ אַטאַקעס זענען געווען קעגן די באַן־ליניעס און „וויאַדוקטן", גאַנצע עסקאַדרעס עראָפּלאַנען האָבן אַרומגע־קרייזט די וועגן און זיי באָמבאַרדירט. צו פאַרגרעסערן די פּאַ־ניק און דעם כאַאָס אויף די וועגן, האָבן זיי געוואָרפן צינדר־באָמבעס אין די שטעט און שטעטלעך און הונדערטער הייזער זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן דורך די שריפות.

האָט זיך פון די שטעטלעך אויך אָנגעהויבן אַ מאַסן־אויס־וואַנדערונג אין דער ריכטונג צום מזרח. מען איז געלאָפן ווי די אויגן האָבן נאָר געטראָגן פון די צעלעכערטע הייזער, וואָס זענען געוואָרן חורבות. אין דער לופטן איז כסדר געהאָנגען אַ געדיכטער ריח פון שוועבל און פייער.

איבער די וועגן האָט זיך באַוועגט אַ געדיכטע מאַסע קעפּ פון יונגע מענער, פרויען, יונגע משפחות מיט קינדער־וועגעלעך אין וועלכע מען האָט אַריינגעפּאַקט זאַכן, און מיט קינדער אויף די פּלייצעס. וואַנדערנדיק איבער די שאָסייען איבער וועלכע עס האָבן געקרייזט דייטשישע עראָפּלאַנען. בעת יעדן אָנפאַל איז די מענטשן־מאַסע אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט שרעק און פּאַניק.

די מענער זענען געווען באַהאָנגען מיט פּעק, באַדעקט מיט אַ סך שטויב און בלאָטע פון די פאַרבייפאָרנדיקע וועגע־נער, וואָס האָבן פאַרטויבט מיט דעם רעש פון זייערע רעדער.

איך מיט נאָך אַ גרופּע מענער זענען געגאַנגען זייטיק ביי די ראַנדן פון די וועלדלעך און פעלדער. מיר זענען אַלע געווען נישט ראַזירט, באַדעקט מיט גרודעס שטויב, געטריבן

פון אַן אומהיימלעכער אַנגסט אויף דער נשמה און מיט א בלייערנער שווערקייט אין די גלידער.

איינצלנע אויטאָמאָבילן האָבן דורכגעשניטן די וועגן און איבערגעלאָזן נאָך זיך דעם ריח פון געזאָלין. אָבער נאָר די הויכע מיליטער־לייט האָבן דעמאָלט געקענט געניסן פון דעם לוקסוס.

עס זענען געפאָרן דראָזשקעס און וועגענער אָנגעפּראַפּט מיט מענטשן, אויף וועלכע מען איז ממש געהאָנגען איינער אויפן אַנדערן. פּראָסטע זעלנער צוזאַמען מיט ציווילע זענען נאָכגעלאָפן די וועגענער, פּרוּוונדיק ארויפצוכאַפּן זיך אויף זיי כאָטש א שטיקל וועג. אַן אָנפאַל פון נידעריק־פליענדיקע דייטשישע עראָפּלאַנען — זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף רעכטס און לינקס מיט מאַשין־געווער — און מען האָט אָנגע־הויבן לויפן פון די וועגענער צו באַהאַלטן זיך פון די קוילן. דער פייער און רויך פון די באָמבעס האָט פאַרשטעלט דעם וועג צו ראַטעווען זיך פון שונא.

איך האָב געקוקט אויפן שאָסיי פון וואַנען עס האָט זיך געהערט דער געהילך פון א קאָלומנע דייטשישע טאַנקן. איך האָב זיי געזען ביי די ראַנדן פון שאָסיי איבער וועלכן עס זע־נען מיט א טאָג פריער דורכגעגאַנגען צעשטויבטע, אָפּטרעטנ־דיקע פּוילישע מיליטער־אָפּטיילונגען. די פּוילישע אַרמיי האָט אויסגעזען נידערגעשלאָגן און צעטומלט.

איך בין געגאַנגען מיט מיינע אייגענע פּחד־טריט פאַר־זונקען אין דערדריקטע געדאַנקען וועגן דעם מצב אונדזערן ביים לויפן צו די מזרח־געביטן. ביי אייניקע פון די מיטגייער האָב איך געזען א געוויסע חרטה פאַר וואָס זיי האָבן פאַר־לאָזט וואַרשע. ערשט נאָכן אַוועקגיין האָבן זיי ערשט דער־שפּירט דעם טיפן שניט פון צעשיידן זיך מיט די נאָענטסטע,

וועלכע זיי האָבן איבערגעלאָזט און וועלן זיי, אפשר, קיינמאָל מער נישט זען.

אנדערע האָבן עס גענומען פון אָנהייב גאָר לייכט, ווי זיי וואָלטן אוועק אויף אַן אויספלוג נאָר אויף עטלעכע טעג. נישט מיטגענומען אפילו קיין שום געפּעק — עס איז דאָך נאָר א פראגע פון עטלעכע טעג ארומוואלגערן זיך... מיט יעדער שעה וואָס איז אוועק מיט טויט־שרעק אויף די וועגן — אלץ מער האָט אָנגעהויבן נאָגן דער ספק צי מען האָט גוט געטאָן וואָס מען איז אוועק. אפשר זיך אומקערן צוריק... איך האָב געטראכט פון מיין פארלאָזענער דירה אויף פאנסקע 23, דער לעצטער בליק פארן אוועקגיין... דער געפיל ביים ארויסגיין פון שטוב און שפּעטער דער גאַנג ביים ראַנד פון די שטראָמענדיקע מאַסן. פרויען זענען נאָכגעלאָפן זייערע מענער, אָדער חתנים, אָנגעזאָגט, דערמאָנט אדרעסן, און נאָכ־געקוקט מיט פארטרערטע אויגן די אָפּגייענדיקע מחנות.

דאָס איז שוין געווען דער אָנהויב פון חורבן וועגן וועלכן מען האָט זיך נאָך אליין נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. מען האָט געפילט דעם ריס, דעם ווייטיק פון א טיפן שניט, אָבער באַגלייט מיט א שטראַל בטחון — יידיש־דורותדיקער בטחון, אַז אַלץ וועט זיך אויסהיילן...

אָבער אויף די וואַנדער־וועגן איז דער נאָגנדיקער ווייטיק געוואָרן שאַרפער. די ברענענדיקע הייזער פון וועלכע עס האָט זיך געשפּרייט א שטיקנדיקער רויך; די באָמבעס וואָס האָבן אויפגעציטערט די ערד, די פלאַמען וואָס האָבן פארגאָסן דעם הימל און די היסטעריע ביי פרויען און מענער נאָך א שטאַר־קער דייטשישער באָמבאַרדירונג — דאָס אַלץ האָט פאַר־שטאַרקט די בהלה.

בעתן לויפן, ווען מען האָט געשפּירט, אַז מען פאַלט פון

די כוחות האָט מען אוועקגעוואָרפן נישט נאָר די שווערע וואַליזעס, נאָר אויך די קלענערע. אַנדערע האָבן אפילו זייערע שווערע מאַנטלען וואָס זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך און אויך האַנט־קיישעלעך אוועקגעשליידערט אויפן וועג.

איך האָב בעתן וואַנדערן איבער די וועגן אויך געפּרוּווט זיך אַרויסצוכאַפּן פון צייט צו צייט אויף אַ ברעג פון אַ דורכ־פּאָרנדיקן וואָגן, אָבער נישט תמיד געהאַט מזל דערביי... דער עגאָיזם פון מענטש קענטיקט זיך בולטער אין קריטישע מאָמענטן. בין איך געגאַנגען מיט דעם מענטשן־שטראָם און נאָך יעדן אָנפאַל פון אַן עסקאַדרע עראָפּלאַנען און פון אַ באַ־שיסעריי פון מאַשין־געווער אויפגעכאַפּט מוראַדיקע געשרייען פון „שמע ישראל” אָדער „יעזוס מאַריע”...

די געפאַלענע אויף די וועגן, טיילמאָל — אַ קנויל פון קערפּערס לעבן אוועקגעוואָרפענע זאַכן. דער מענטשלעך־חיהשער געיאָמער בעת דאָס קנאַלן פון די באַטויבנדיקע באָמבעס האָט געקענט דעם געזונטסטן מענטש אַראָפּפירן פון זינען. ביי יעדן איינעם האָבן די נערוון געפּלאַצט; אָט זיצט ביים ראַנד פון שאָסיי אַ מאַמע און האַלט אויף איר שויס אַ טויט קינד. די מוטער קוקט נאָך אַלע פאַרבייגייענדיקע מיט פאַרשטאַרטע אויגן. אַ ייד באַט אָן ברענגען דאָס קינד צו קבורה, אָבער די מוטער וויל דאָס טויטע נפשל נישט אַרויס־לאָזן פון האַנט און טרייבט אוועק דעם ייד מיט אַ וואַנזיניקן בליק. איר בליק פלעגט מיר נאָכגיין אַ לענגערע צייט און כ'האָב זיך עפּעס נישט געקענט שענקען...

אין די פינצטערע נעכט קריכט די שוואַרצקייט אַרויס פון די געדיכטע וועלדער ביי וועמענס ראַנדן מיר האַלטן זיך, אין די נעכט ווערט די שטימונג נאָך מער געדריקטער. עפּעס הייבט אָן ביי מיר שטיקן אין האַלדז. עס זעט אויס, אַז די

געשפּאַנטע נערוון גיבן נאָך. איך באַמי זיך צו נעמען זיך שטאַרקער אין די הענט אריין... ווען עס הויבט אָן ליכטיקן ווערט אויך אויפן געמיט א ביסל פרייער. מיר באַמערקן הייזקעס פון דערווייטנס. מיר דערנענטערן זיך צו א ישוב, א יידיש שטעטל, אָבער איידער מיר דערגרייכן די ערשטע הייזער קומט פּלוצים אָן אָן אָפּטיילונג מאָטאָריזירטע דייטשן.

עס איז ווייט נישט קיין אָנגענעמע באַגעגעניש פאר אונדז זיך צו טרעפן מיט זיי פון דער נאָענט... מיר גייען אראָפּ פון שאָסיי צוריק צו די ראַנדן פון די וועלדלעך — פּרוּוון צוקומען צו אַן אַנדער ישוב דורך זייטיקע וועגן. אָבער אומע־טום ווי מיר קומען אָן קענטיקט זיך גלייך, אז די דייטשן זענען געקומען פאַר אונדז. דער דייטשישער בליץ־קריג איז אין פולן שוווּנג. זיי פאַרנעמען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער און עס דאַכט זיך מיר, אז גאַנץ פּוילן מוז שוין זיין אין זייערע הענט.

פון די מיטגייערס מיינע אויף די וואַנדער־וועגן האָבן א סך אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו גיין אויף מזרח. אַנדערע קערן זיך שוין אום צוריק קיין װאַרשע. מיר האָבן אויף די וועגן באַקומען נאָר אָפּגעריסענע ידיעות וועגן דער לאַגע אין דער הויפּטשטאָט. דאָך שאַפט זיך שוין ביי מיר א געוויסער בילד ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען מיט װאַרשע ביז זי האָט קאַפּיטולירט צום שונא. איך אליין שלאָג זיך מיט דער דעה וואָס צו טאָן: ווייטער גיין אָדער אומקערן זיך דאָרט ווו עס איז נאָך אַנומלט געוועזן מיין היים און מיין וואַרעמע פאַמיליע־נעסט...

איך באַשליס ווייטער צו גיין צו די מזרח־געביטן. אפשר, אפשר וועט דאָרט געשען א נס... אָבער כ׳גיי מיט א פאַר־געפיל, אז קיין גוטס קען מען נישט דערוואַרטן. דער אויסזען

פון די דערשלאָגענע פּוילישע זעלנער רעדט פאר זיך וועגן דעם מצב... וואָס וועט זיין אויף מזרח?

ווען איך האָב שוין דערלעבט אָנצוקומען נאָענט צו די פּויליש־סאָוויעטישע גרענעצן האָב איך אויפן ראַדיאָ געהערט די ידיעה, אז די רוסישע אַרמיי האָט אריינגעמאַרשירט אויף די מזרח־שטחים פון פּוילן דעם 17טן סעפּטעמבער. נאָכדעם, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז די פּוילישע רעגירונג אינאיינעם מיטן מלוכה־פּרעזידענט און מיטן גאַנצן רעגירונגס־קאַבינעט זענען אריבער די דרום־גרענעץ אויף דער רומענישער טעריטאָריע, נישט וועלנדיק אריינפאַלן אין סאָוויעטישער געפאַנגענשאַפט.

אָט די נייע צעטיילונג פון פּוילן צווישן רוסלאַנד און דייטשלאַנד האָבן מיר באַטראַכט ווי א מעסער אין רוקן... די שטימונג ביי מיר איז געוואָרן א שטאַרק געדריקטע.

דער לאַנגער שווערער וואַנדער־וועג צו די מזרח־געביטן, און די אָפּגעריסנקייט פון מיין פרוי וואָס איז אוועק אין אַן אַנדער ריכטונג, — צו דעם האָט זיך מיר פאר קיין שום פרייז נישט געוואָלט פארבלייבן אונטער דער הערשאַפט פון די באָלשעוויקעס. די בענקשאַפט זיך אומצוקערן א היים, קיין וואַרשע, איז ביי מיר געוואָרן שטאַרקער און נאָגנדיקער.

אַז אָט די געפילן זענען געווען נישט נאָר ביי מיר, האָט באַוויזן די מאַסן־עמיגראַציע אויף צוריק.

איך מיט נאָך א פריינד האָבן זיך געלאָזט צוזאַמען אין וועג צוריק קיין וואַרשע. מיר האָבן דערגרייכט דעם טייך „בוג" און געפּרוּווט אים אריבערגיין צו דער נייער פּוילישער גרענעץ. איבער אונדזערע קעפּ זענען געפלויגן קוילן און מיר האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביז די רוסן האָבן אונדז פאַר־האַלטן. מיר האָבן מיט געבעט זיי דערציילט, אז מיר האָבן

געוואָלט זיך פאראייניקן מיט אונדזערע פאמיליעס, וואָס גע־פינען זיך אויף דער דייטשער זייט. זיי האָבן אונדז נישט ארעסטירט, אָבער געוואָרנט, אז מיר ווען נאָך אמאָל פרו־בירן אריבערגיין די גרענעץ וועלן זיי אונדז גלייך אויפן אָרט דערשיסן. מיר האָבן געגלויבט זיי אויפן וואָרט, אָבער דאָך באשלאָסן פאר יעדן פרייז נאָך אמאָל צו פרווון. דאָס מאָל איז אונדז יאָ געלונגען אריבערצוגיין בשלום אויף דער דייטשער זייט.

מיר האָבן דערזען די ס.ס.־לייט, וואָס האָבן אונדז ארומ־געריגנלט און געוואָלט מסתמא אומברענגען. זיי האָבן גערעדט דייטש און מיר האָבן זיך געמאכט, אז מיר פארשטייען נישט. איך בין געווען אָנגעטאָן ווי א פויער און נישט אויסגעזען ווי קיין ייד. האָבן מיר געהאט מזל זיך ארויסצושארן פון זייער השגחה און זיך געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג צוריק קיין ווארשע.

צו שילדערן די צרות וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אויף די וועגן און אומוועגן פון דעם צוריקוועגס קיין ווארשע, וואָלט איך געדאַרפט שרייבן א גאנצן בוך. עס האָט גענומען מיר אַזש ביז נאָוועמבער צו דערגרייכן די טויערן פון ווארשע.

ביים אָנקומען האָב איך געהערט די פאר מיר גוטע נייעס, אז מיין פאמיליע געפינט זיך אויפן אָרט און אונדזער הויז איז אומבאשעדיקט, אָבער אין דער זעלבער נאַכט פון מיין אָנקום, זענען צענדליקער יידן געוואָרן ארויסגעשלעפט אויף נאַלעווקעס פון זייערע הייזער און אויף א קאַלטבלוטיק־פאַרברעכערישן אופן דערשאָסן געוואָרן ביי קראַשינסקיס גאָרטן. די מערדערס האָבן זיי געלאָזט ליגן, בכדי מענטשן זאָלן אין דער פרי זען, ווי אזוי די דייטשן רעכענען זיך מיט דעם ווערט פון מענטשלעכע לעבנס. אָט דער מאַקאַברישער

בילד איז פאר מיר געוואָרן א סימבאָל פון דעם וואָס מען קען דערוואַרטן פון נאַצישן אָקופּאַנט לגבי דעם פּוילישן יידנטום. איך האָב דערזען דעם אָנהייב פון אונדזער חורבן און די הפקרות אויף וועלכער מיר וועלן זיין אויסגעשטעלט, ווער ווייסט אויף ווי לאַנג? . . . — — — —

דאָס קאָשמאַר-בילד וואָס כ'האָב געזען ביי קראַשינסקים גאָרטן איז מיר נאָכגעגאַנגען ווי א שאָטן. איך האָב אויך נישט געקענט קומען צו זיך פון די איבערלעבענישן אויפן וועג. אין מיינע אויערן האָבן נאָך כסדר געקלונגען די סיגנאַלן און דאָס פייפן, וואָס די דייטשן האָבן באַנוצט אין וואַלד, ווען זיי האָבן געלויערט אויף יידישע קרבנות. איך האָב די סיגנאַליזאַציע אָפט געהערט בעת מיינע פּרוּוון אריבערצוגיין אויף דער דייטשישער זייט פון טייך בוג. איך האָב געגעבטיקט דאָן ביי א פּויער אין א כאַטע נישט ווייט פון א וואַלד, וואָס האָט זיך אימהדיק געשוואַרצט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. איך בין איינגעשלאָפן און עס האָבן מיך באַלד אויפגעוועקט די דערמאָנטע פייפן און סיגנאַלן מיט וועלכע די דייטשן האָבן צווישן זיך קאָמוניקירט.

דאָס אַלץ האָט זיך איינגעגעסטיקט אין מיין געמיט באַגלייט מיט די אַלע געשעענישן וואָס זענען פאָרגעקומען אין די לעצטע צוויי מאָנאַטן. אויך דאָס וואָס מיין פרוי איז געווען ווייט פון וואַרשע, ווייל זי איז געהאַט אוועק אינעם צפון־טייל פון פּוילן, דורכמאַכנדיק אויף אירע וואָגל־וועגן אַלע ערדישע גיהנומס . . . עס האָט איר געקאָסט א סך געזונט (אָפּגערעדט שוין פון געלט) ביז זי איז צו אונדז צוריקגעקומען.

מיר זענען געווען גליקלעך צו זען זי צוריק א לעבעדיקע און דאָן נאָך, פאַרהעלטנישמעסיק א געזונטע. ווען זי האָט מיר דערציילט, וואָס זי האָט אַלץ דורכגעמאַכט אויף די בלוּ־

טיקע וואַנדערונגען דורך די מאַנאַטן ביז איר צוריקקומען קיין וואַרשע (1941), האָט זיך געוואָלט גלויבן, אַז דער מענטש איז שטאַרקער פון אייזן... אָבער עטלעכע יאָר שפּעטער האָט זיך איר געזונט־צושטאַנד פולשטענדיק צוזאַמענגעבראָכן און זי איז אוועק... נאָר דאָס געהערט שוין צו אַ ווייטערדיק קאַפּיטל.

די ערשטע גזרות...

עס האָט זיך אָנגעהויבן די ערשטע כוואַליע גזרות קעגן יידן. באַלד האָבן מיר דערזען ווי יידן־האַס טוט פאַראייניקן אין איין לאַגער דעם נאַציִשן אָקופּאַנט מיט זייערע „פאָלקס־דייטשן" — אונדזערע מיטבירגער אין פּוילן מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט ווי שכנים און נישט געוווּסט פון זייער געהיי־מער נאַציִשער טעטיקייט.

זיי האָבן נאָך פאַרן קריג צוגעגרייט גענויע רשימות פון יידן און פון יידיש האָב־און־גוטס און זיי צוגעשטעלט דאָרט ווו מען האָט געדאַרפט אַ שטיק צייט נאָך פאַר דער אָקו־פּאַציע פון פּוילן. אָט די „פאָלקס־דייטשן" האָבן זייער שפּיאָ־נאַזש־אַרבעט אין פּוילן געטאָן מיט אַ סך אייפער און דייַ־טשישער פּרעציזקייט.

אויך פּאָליאַקן האָבן דערזען אַ גאָלדענע געלעגנהייט רייך צו ווערן פון יידישע פאַרמעגנס, ווערן די יורשים פון פּוילישן יידנטום דורך העלפן די נאַציס אין זייער אויסראָטונגס־פּאָלי־טיק. מיט גרויס צופרידנקייט האָבן די דאָזיקע פּאָליאַקן אויפ־

געגומען די ידיעה פון די אַנטי-יידישע געזעצן, וואָס האָבן געצילט צו שטעלן די יידישע באַפעלקערונג אויסערן געזעץ.

עס וועט אונדז נאָך אויסקומען א סך צו רעדן אי וועגן די פּאָליאַקן וואָס האָבן זיך געשטעלט צום דינסט פון די דייטשישע מערדערס (און להבדיל, פון די צדיקי אומות העולם, די הומאַניטאַרע כל־ערליי נישט־יידן, וואָס האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן צו ראַטעווען יידן); און אויך וועגן דער פינצטערער ראָל פון דער יידישער פּאָליציי, וואָס האָט אריינגעשריבן אזא טראַגיש קאַפּיטל...

דערווייל האַלטן מיר נאָך ביי דעם פּעריאָד, ווען דאָס לעבן איז נאָך פאַרהעלטנישמעסיק געווען דערטרעגלעך. מיר זענען נאָך געזעסן אין די פריערדיקע דירות. עסן האָט נאָך דאָן נישט אויסגעפעלט און אונדזערע מלבושים זענען נאָך געווען לייטיש. עס האָט נאָך דערווייל געהאַט אויסערלעך דעם אויסזען פון א נאָרמאַלן לעבן, כאָטש דער טערמין „נאָרמאַל" דאַרף גענומען ווערן מיט מער ווי רעזערוו... אָבער פאַר ווארשעווער תושבים איז דאָס לעבן נאָך געווען צו דערליידן.

אין אַן ערגערן מצב זענען שוין דעמאָלט געווען די צוגערייזטע יידן פון די קליינע שטעטלעך (שפּעטער אביסל, זענען זיי געווען די ערשטע קרבנות פון די „אויסזידלונגס"־אַקציעס).

די ווארשעווער תושבים זענען געזעסן אין זייערע דירות — ביז דער איינפירונג פון דעם געטאָ. — די אָנגעלאָפענע פון דער פּראָווינץ האָבן נישט געהאַט, פאַרשטענדלעך, די געעריקע וווינונגען. זייער דערנערונג איז געווען אויך אומפאַרגלייכלעך ערגער — א חוץ ביי די בעסער סיטואירטע — און זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף הילף פון די ווארשעווער יידישע אינסטיטוציעס.

איך האָב, אין די ראַמען פון מיינע מעגלעכקייטן, גע־

האַלפן מיט וואָס עס איז נאָר געווען מיר מעגלעך, די נויט־באַדערפטיקסטע פון דער פּראָווינץ און אויך די אָרעמע פון ווארשע גופא. עס האָט דאָך קיין אָרעמקייט און קיין נויט קיינמאָל נישט געפעלט ביי די יידן אין פּוילן אפילו אין די „גוטע צייטן", וואָס מיר זעען היינט דורך ראָזע נאָסטאַלגישע ברילן...

דעם 12טן דעצעמבער 1939 האָט הימלערס ס.ס.־גוואַר־דיע אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז „אַלע יידישע איינוואוינער פון גענעראַל גוווערנעמענט פון 14 ביז 60 יאָר זענען פּאַרפּליכ־טעט צו צוואַנג־אַרבעט". עס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן שוידערלעכע אַבלאַוועס צו כאַפּן יידן אויף צוואַנג־אַרבעט. דאָס איז דערוויל געווען די התחלה פון היטלערס „נייע אָר־דענונג" אין פּוילן. עס האָבן זיך גלייך אַ שאָט געטאָן אַ סעריע גזרות קעגן יידן, צוצונעמען פון זיי די קוואַלן פון פּרנסה, באַרויבן זייערע פּאַרמעגנס פון די בענק און באַזייטיקן זיי פון האַנדל און אינדוסטריע.

אַ פּאָר ווערטער וועגן די יידישע בענק און באַנקירן, וואָס האָבן געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין באַנק־וועזן פון פּוילן אין 19טן און 20טן יאָרהונדערט און געגעבן אַזאַ גרויסן ביישטייער דער ווירטשאַפטלעכער אַנטוויקלונג פון לאַנד. זיי זענען שטענדיק געווען אַן אָביעקט פון קנאה־שנאה ביי די פּאָליאַקן.

ווייל איך האָב פיל יאָרן אין פּוילן געאַרבעט אין באַנק־וועזן איז פאַר מיר געווען אינטערעסאַנט צו לייענען, ווי אַזוי דר. יעקב שאַצקי שילדערט אין זיין ווערק „געשיכטע פון יידן אין וואַרשע" די יידישע באַנקירן פון 19טן יאָרהונדערט. ער דער־מאָנט די משפחה נאַטאַנזאָנס, וואָס האָט אין אַ פאַרהעלטניש־מעסיק קורצער צייט פאַרנומען אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע אין

דעם עקאָנאָמישן לעבן פון פוילן. עס איז געווען א גאַנצע „דינאַסטיע", וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה צו די קינדער, וועלכע האָבן אנטוויקלט נישט נאָר דעם פוילישן באַנק־וועזן, נאָר אויך די אינדוסטריע און דעם האַנדל. און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אז דער גרינדער פון דער „דינאַסטיע" ר' זעליק נאַטאַנזאָן איז געווען זייער א פרומער ייד, א גרויסער למדן, געהאַט זיך אַן אייגענעם בית־המדרש בעת זיינע זין האָבן אָפיציעל געפירט זיין גרויסע באַנק (לעגאַליזירט געוואָרן ערשט אין 1866).

א חוץ די נאַטאַנזאָנס זענען אויך באַוווּסט געווען אין באַנק־וועזן פון פוילן אין 19טן י"ה די יידישע באַנקירן: די ברידערס לאַנדוי, די גאָלדפעדערס, מאַטיאַס ראָזען, מיעטשיסלאַוו עפשטיין און פיל אַנדערע פיאָנערן פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון פוילן. א דאַנק זייערע אינוועסטיציעס און געשעפטן מיט אויסלענדישע באַנק־פירמעס, איז פון אויסלאַנד אריינגעבראַכט געוואָרן א סך געלט קיין פוילן און דאָס לאַנד איז ווירטשאַפטלעך געשטעלט געוואָרן אויף די פיס.

מיר איז באַוווּסט געווען, שוין אין מיין צייט, וואָס די שערעשעווסקים האָבן מיט זייערע פינאַנסיעלע אָפעראַציעס אויפגעטאָן פאַר דער אַנטוויקלונג און אויפבוי פון לאַנד. און מיר געדענקען דאָך זייער גוט די ריזיקע יידישע קאָאָפעראַטיווע באַוועגונג אין אומאָפהענגיקן פוילן אַן וועמענס הילף 80 פראָצ. פון פוילישן יידנטום וואָלטן נישט געהאַט קיין עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן נאָך אין די „גוטע אַלטע צייטן".

איך פאַרטראַכט זיך נישט איינמאָל, ווי אזוי דאָס פאַראָרעמטע פוילישע יידנטום האָט אויפגעבויט, אַנטוויקלט און געשטאַרקט דאָס פוילישע ווירטשאַפטלעכע לעבן און מיט וואָס

מען האָט אים אָפּגעצאָלט... שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס די יידישע אויבערשטע שיכטן, די פינאַנסיעלע, אינדוסטריעלע און קאָמערציאָנעלע, האָבן דאָך מיט אַזאַ ברייטער האַנט געשטיצט די פוילישע קולטור.

זיי האָבן אויסגעפילט די קאָנצערט־זאַלן, די פוילישע טע־אַטערס, געשטיצט די וואַרשעווער אָפּערע און פילהאַרמאָניע. און די פוילישע ליטעראַטור און וויסנשאַפט האָבן געהאַט צווישן יידן זייער אַ סך מעצענאַטן און קאָנסומענטן. הייַנט וויפל טאַלאַנטן און שעפערישע כוחות האָט דאָס פוילישע יידנטום אַרויסגעגעבן פון זיך וואָס האָבן גרויס געמאַכט דעם נאָמען פון פוילן איבער דער גאָרער וועלט?

אָבער קיין דאַנק האָבן זיי פון פוילישן פאָלק דערפאַר נישט באַקומען! די טובימס און די אַנטאָני סלאָנימסקיס (טראָץ דעם וואָס ער, דער לעצטער, איז שוין געווען אַ גע־שמדטער) האָבן אַרויסגערופן קנאה און שנאה בעת פוילן איז נאָך געווען פוילן מיט אַן אייגענער מלוכה. ווידער בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, האָט דער פוילישער דורותדיקער אַנטי־סעמיטיזם געקראָגן די אמתע מעגלעכקייטן זיך אויסצופּאַשען אויף די היטלעריסטישע פעלדער און ווייזן זיינע גיפטיקע ציין...

דאָס טראַכט איך כסדר ביים שרייבן איצט מיינע זכרונות און איבערלעבענישן בעת דעם נאַצישן חורבן. די בידנע יידישע פּרנסות, מ'שטיינס געזאָגט, זענען באַלד ביים אָנהויב פאַרשטאָפּט געוואָרן. די דייטשן האָבן גלייך געהאַט פאַר זיך דעם ציל צו פאַרוואַנדלען די יידן אין אַרבעטס־שקלאַפן. די יידישע בעלי־מלאכות און אַרבעטער האָבן געפּראַצעוועט פאַר דער דייטשישער אַרמיי און אינדוסטריע, אָדער פאַר פּרי־וואַטע דייטשישע פירמעס. מען האָט די יידן געטריבן צו די

שווערסטע ארבעטן: האקן שטיינער, אויסטרוקענען זומפּן. מען האָט זיי געטריבן אין די „ארבעטס־לאַגערן" אויסצונוצן זיי אויף שקלאַפן־ארבעט!

איך האָב געהאַט געליינט א סטאַטיסטיק, אז בלויז אין דעם טייל פּוילן, וואָס האָט געהייסן „גענעראַל גוווערנעמענט" זענען אין זומער 1941 געווען 85 יידישע ארבעטס־לאַגערן. און וואָס האָט באַדייט אַזאַ לאַגער ווייסט נאָר דער וואָס איז דאָרט געווען א לענגערע אָדער קורצערע צייט.

נאָוועמבער 1940

יעדן טאָג זענען פּראָקלאַמירט געוואָרן נייע גזרות קעגן יידן. מען האָט צוגענומען ביי זיי יעדע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט, באַרויבט זיי פון זייערע געשעפטן, אונטערנעמונגען, צוגענומען ביי זיי די לופט צו אָטעמען, באַרויבט די עלעמענטאַרסטע רעכט פון פרייער באַוועגונג מיט די אָנגענומענע מענטשלעכע קאָמוניקאַציע־מיטלען.

צו דעם האָבן די דייטשן אָנגעהויבן גלייך פון זייער אָקופּאַציע ארויסצוטרייבן די יידן פון זייערע היימען און ווינטערטער לענגאַוים די שטעט און שטעטלעך. זענען די ארויסגעטריבענע יידן געלאָפן קיין ווארשע, לאָדזש, ווו הונגער און נויט האָט זיי גלייך אריינגעכאַפּט ווי מיט צוואַנגען. דאָס איז דאָך נאָך געווען פאַרן איינפירן א געטאָ פאַר יידן.

יאָ, מיר רעדן נאָך דערווייל וועגן — ערב־געטאָ, ערב

דורכפירן אין לעבן די „ענטגילטיקע לייזונג”... היטלערס מיטהעלפערס האָבן בעת די „ערבס” אַלץ פּרעציז פּלאַנירט, ווי נאָר די דייטשן קענען עס...

נאָכן קריג איז מיר ערשט אויסגעקומען צו באַקענען זיך מיט די מאַטעריאַלן פון אויסאַרבעטן „די ענטגילטיקע לייזונג” פון יידישן פאָלק, וואָס די היטלעריסטישע גדולים האָבן באַטראַכט און באַשלאָסן אָנהייב 1942.

איך האָב געלייענט אין דר. מ. דוואָרזשעצקיס בוך „אייראָפּע אָן קינדער” דעם פּראָטאָקאָל פון דער גרויסער נאַצישער קאָנפערענץ דעם 20טן יאַנואַר 1942. אין גראָס וואַנזעע (ביי בערלין) זענען זיך דעמאָלט צונויפגעקומען די נאַצישע גדולים אויסצואַרבעטן די נייע ריכטליניעס צו פאַרניכטן דעם אייראָפּעישן יידנטום אונטער דער דייטשישער אָקופּאַציע.

דאָס אייראָפּעישע יידנטום האָט בעת דער מלחמה גע-לעבט אין עטלעכע צוואַנציק נאַצי־אָקופּירטע לענדער. זיי האָבן געוווינט צווישן הונדערטער מיליאָנען נישט־יידן.

לויטן נאַצישן פאַרניכטונגס־פּלאַן האָבן זיי געדאַרפט ווערן אויסגעזוכט, באַרויבט און טראַנספּאָרטירט צו די טויט־לאַגערן. דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן געדאַרפט געפירט ווערן הונדערטער קילאָמעטער ביז צו די אומקום־פּונקטן. די יידישע טראַנספּאָרטן צו די לאַגערן האָבן געהאַט אַזאַ וויכ־טיקייט און פּריאָריטעט, אַז מען האָט זיי פריער אָפּגעשיקט ווי די זעלנער־טראַנספּאָרטן אויפן פראָנט...

די אַרבעט האָט לויטן פּלאַן געדאַרפט געטאָן ווערן אין גרויס איילעניש. כדי וואָס שנעלער אויסגעפינען די אויסבאַ־האַלטענע יידן האָבן די דייטשן זיך געניויטיקט אין דער מיט־הילף פון די נישט־יידישע שכנים. דאָס ברענגט אונדז צום טרויעריקן קאַפּיטל וועגן וועלכן איך וועל רעדן שפּעטער: —

די ראָל פון די פּאָליאַקן און אַלע אַנדערע נישט - יידישע שכנים אין דער יידישער אויסראָטונג.

אָבער וועגן דעם אַלעם האָבן מיר נישט געהאַט די מינדסטע אַנונג אין אָנהייב פון דער אָקופּאַציע. קיין בר־דעת וואָלט דעמאָלט מיטן שכל הישר נישט געקענט אויפנע־מען אַזאַ טייוואָלאָנישן פּלאַן קעגן אַ שוצלאָזן פאָלק. און איך האַלט דאָך נאָך איצט פאַרן איינפירן די געטאָס, וואָס זענען נאָך אין דעם „ערב" נישט געווען קיין אָרט פאַר די שפּע־טערדיקע „אויסזידלונגען" און מאַסן־אַקציעס.

ווייל די גזרה פון געטאָס איז געווען קודם כל צו איזאָ־לירן אונדז יידן, אָפּצוימען אונדז פון דער ארומיקער וועלט, אויף דעם קליינעם געטאָ־שטח ווו מיר זאָלן ווערן דערשטיקט אין ענגשאַפט און אויסגיין אין נויט און עפּידעמיעס, — דער־ווייל דורך אַ לאַנגזאַמער גסיסה.

✶

אין דעם חודש נאָוועמבער 1940 איז די יידישע באַפעלקע־רונג פון וואַרשע געוואָרן צונויפגעקוועטשט אין עטלעכע ענגע קוואַרטאַלן אין וועלכע זיי זענען איינגעקלאַמערט און אָפּגע־שניטן געוואָרן פון דער אַרומיקער וועלט.

הונדערטער טויזנטער יידן זענען במשך פון געציילטע טעג געצוווּנגען געוואָרן זיך איבערצוטראָגן מיט זייערע משפּ־חות אויף דעם שטח, וואָס די דייטשן האָבן באַשטימט פאַר דעם יידישן געטאָ. אַ סך פאַמיליעס זענען צעריסן געוואָרן. די פרויען און קינדער האָבן זיך געפונען אויף דער אַרישער זייט און זייערע מענער — אין געטאָ.

די וואָס האָבן פריער געהאַט זייערע וווינונגען אויסערן

שטח פון געטא, ווו זיי האָבן געלעבט אין מענטשלעכע נאָר־מאַלע באַדינגונגען, האָבן געמוזט איצט געפונען אין געטאָ א שטיקל אָרט אוועקצולייגן דעם קאָפּ, א צימער ערגעץ־ווו אין וועלכן עס זענען אריינגעפּאַקט געוואָרן פון 8 ביז 12 פּערזאָן.

עס האָט מיר געשניטן ביים הארצן ווען איך האָב געזען ווי מען שלעפּט די בעבעכעס אויף קינדער־וועגעלעך אין וועלכע עס ליגט דאָס ביסל באַלעבאַטישקייט, באַגלייט פון צע־שראָקענע קינדער, קראַנקע זקנים, פרויען און מענער מיט געפּעק אויף די פּלייצעס.

אויפן גאַס איז קיינער נישט געבליבן. אָבער די ענג־שאַפט איז געווען אין לשער! דאָס האָט נאַטירלעך זיך גע־מוזט אָפּרופן אויף די היגיענישע באַדינגונגען און דעם מאַנגל פון מעדיצינישער הילף, וואָס האָבן ארויסגערופן בושענדיקע עפּידעמיעס און א פאַרגרעסערטע שטערבלעכקייט. דאָס איז דאָך טאַקע געווען דער ציל פון שונא! אין משך פון דעם ערשטן יאָר, זינט דאָס איינפירן דעם וואַרשעווער געטאָ, איז די שטערבלעכקייט צווישן די וואַרשעווער יידן געשטיגן פופצן־פאַכיק מער, ווי עס איז געווען פאַרן קריג.

א הארבער פּראָבלעם איז געווען פאַר די צעריסענע פאַ־מיליעס פוןביידע זייטן געטאָ אָנצוהאַלטן צווישן זיך א גע־וויסע קאָמוניקאַציע. באַלד פון אָנהייב האָט מען זיך נאָך געקענט באַנוצן מיטן טעלעפאָן. דורך דעם קאָמוניקיר־מיטל האָט מען געזוכט אָנצוהאַלטן אויך געוויסע האַנדלס־באַצי־אונגען מיט קריסטן אויף דער ארישער זייט.

די דייטשן, בכדי דאָס צו שטערן, האָבן אָפּגעשניטן די פּריוואַטע טעלעפאָנען. אפילו אַפּטייקן זענען געוואָרן פאַר־שטומט. גאַנצע גאַסן זענען געבליבן אָן טעלעפאָנען. דאָך

האָט מען געפּרוּווט זיך אָן עצה געבן דורך טעלעפאָנען פון ביוראָען און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

די שמועסן מיט דער אַרישער זייט פלעגן פאָרקומען אין א פאַרשטעלטער שפּראַך, די דייטשן זאָלן זיך נישט כאַפּן, אַז דאָס רעדן יידן פון געטאָ. יידישע אינזשיניערן האָבן אַרויס־געוויזן זייער דערפינדערישקייט דורך אינסטאַלירן געהיימע טעלעפאָנען, וואָס האָבן גוט פונקציאָנירט און געשאַפן א פאַר־בינדונגס־ליניע מיט דער אַרישער זייט אויף א געוויסער צייט.

פאַרבינדלערס זענען אין אָנהייב אויך געווען די באַאַמטע פון עפנטלעכע אַנשטאַלטן. אָבער מיט זיי האָט זיך געשאַפן א נייע צרה: כאַבאַר נעמען! די טעכניקער פון עלעקטריע און פון גאַז האָבן אָנגעהויבן צו עקספּלואַטירן די יידן אין געטאָ מען זאָל זיי געבן א גרויסן כאַבאַר, אויב נישט האָבן זיי גלייך אָפּגעשניטן דעם שטראָם פון גאַז אָדער עלעקטריע. אויך די שטייערן־באַאַמטע האָבן שרעקלעך אָנגעהויבן עקספּלואַטירן דער יידישער באַפעלקערונג. מיר אַליין איז געווען באַקאַנט א ריי פאַלן, ווען די פּוילישע באַאַמטע פון שטייערן־אַמט האָבן געצוווּנגען יידן צו צאָלן גרויסע שטייערן פון זייערע אויסגערויבטע, פאַרברענטע פאַבריקן און געשעפטן. די וואָס זענען נישט געווען בכוח צו באַצאָלן, האָבן די שטייערן־באַ־אַמטע צוגענומען ביי זיי די לעצטע בעבעכעס מיט א צולאָג פון שאַנטאַזש און טעראָר.

ווען איך האָב שפּעטער געלייענט ביי דעם געטאָ־היסטאָ־ריקער, דר. עמנואל רינגעלבלום וועגן אייניקע אַזעלכע רויִ־בערייען מצד די שטייערן־באַאַמטע, איז מיר געקומען אויפן זכרון ענלעכע פאַלן וואָס מיר איז אַליין באַקאַנט געווען פון אַן ענלעכן כאַראַקטער. דר. רינגעלבלום רופט אָן דעם נאָמען פון א געוויסן מר. שענבערג, אויף מוראַנאָווסקי 14, פון ווע־

מען די פינאַנץ־באַאַמטע האָבן געפאָדערט ער זאָל באַצאָלן שטייערן פאַר די הייזער פון זיין שווער. ער איז נישט געווען אומשטאַנד עס צו טאָן. האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אים א סדרה טעראָר דורך וועלכן זיי האָבן ארויסגעפּרעסט געלט און פיל ווערטפולע זאַכן. דאָס האָבן זיי באַקומען נאָכן צעשלאָגן מכות־רצח דער פרוי שענבערג.

דער אָנגערויבטער פאַרמעג איז נאָך פאַר זיי געווען ווייניק, האָבן זיי געפאָדערט א צולאָג — די טאָכטער זאָל קומען צו זיי און באַצאָלן מיט איר קערפּער...

כאַבאַר און טעראָריזם האָבן די באַאַמטע אויך אָנגעווענדט ביים כאַפּן אויף אַרבעט. זייערע מסירות צו די דייטשן האָבן זיך געמערט פון טאָג צו טאָג. איך האָב נאָך פון אָנהייב געהאַט מזל זיך ארויסצודרייען פון די דייטשישע הענט. איך פלעג יעדן טאָג זיך צוזען ווי עס קומען פאַרנאַכט, נאָך א טאָג שווערער אַרבעט, צעממתטע יידן, וואָס האָבן פאַר זייער פּראַצע אָנשטאָט עסן באַקומען קלעפּ. די דאָזיקע פאַלן זענען נישט געווען קיין פאַראיינצלטע.

פאַרן איינפירן דעם געטאָ, האָבן זיי נאָך דעם טאָג אַרבעט געקענט קומען צו זיך אין דער היים אין יעדן טייל שטאָט, ווו זיי האָבן געוווינט. אַנדערש איז געוואָרן שפּעטער, ווען די דייטשן האָבן געשאַפן דעם געטאָ אויף דעם צפון־טייל פון וואַרשע, אָבער וועגן דעם וועל איך זיך אומקערן אביסל שפּעטער און דערציילן א בינטל פון מיינע אייגענע דערפאַרונגען.

דערווייל בין איך נאָך געווען אומשטאַנד צו העלפן מיין פאָטער מיט שפּייז. מיינע צוויי שוועסטערס האָבן זיך דעמאָלט נישט גענויטיקט אין מיין הילף, האָב איך יעדן טאָג מיין פאָטער באַזאָרגט מיט א ברויטל און אים דערהאַלטן ביים

לעבן. איך האָב אויך געהאָלפן מיינע פריינד מיט וואָס כ'האָב נאָר געקענט. אין יענער צייט זענען די ברויט־ראַציעס מיט יעדן טאָג געוואָרן קלענער און די צאָל יידן אין געטאָ — פון טאָג צו טאָג גרעסער. די אַרויסגעטריבענע יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך זענען בהלהדיק געקומען קיין ווארשע און פון די פריערדיקע דריי הונדערט טויזנט יידן איז געוואָרן בערך א האַלבער מיליאָן און, אפשר, נאָך מער. איז דען דעמאָלט געווען מעגלעך צו האָבן א גענויע סטאַטיסטיק?

די טיפוס־באַצילן האָבן זיך אין געטאָ שטאַרק פאַרמערט. דער מלאך המוות האָט געהאַט א רייכן שניט פון טובערקולאָז. ווער רעדט נאָך אין הארבסט, ווען דער געטאָ האָט זיך גע־ווייקט אין יאושדיקע רעגנס באַגלייט מיט אומאויפהערלעכע שיסערייען. עס איז געוואָרן ביטער אויפן הארצן. דער הונגער האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו פייניקן. אויב פון אָנהייב פלעגט נאָך זיין מעגלעך אריינצושמוגלען א ביסל שפייז פון דער אַרישער זייט אין געטאָ אריין, איז עס איצט געוואָרן זייער ריזיקאַליש. קליינע קינדער פלעגן פּרוּוון ארונטערצוקריכן אונ־טער די געטאָ־דראָטן און פון דער אַרישער זייט ברענגען עפּעס צו עסן פאר זייערע משפחות. זיי פלעגן דערפאַר באַצאָלן מיט זייערע יונגע לעבנס. געוויינטלעך פלעגן זיי עס פּרוּוון טאָן ביינאַכט. אין דער פרי האָט מען געקענט זען זייערע דורכ־געשאָסענע קערפּערלעך זיך וואַלגערן אונטער די געטאָ־ווענט. מען פלעגט מיר דערציילן פון די דאָזיקע קינדערלעך און דאָס הארץ פלעגט מיר פּלאַצן.

דער שונא האָט נישט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן אַלט און יונג, צווישן קינדער און דערוואַקסענע. אַלע יידן, גרויס און קליין, האָבן זיך געפונען ביי די דייטשן מחוץ דעם געזעץ. אַלע זענען געווען פאַרמשפּטע... קינדער וואָס האָבן

געזוכט א שטיקל ברויט אויף דער ארישער זייט זענען דער־שאָסן געוואָרן אלס „פּארברעכער"...

די טראַגעדיע פונעם יידישן קינד אין געטאָ האָט געשריגן צו די הימלען. איך האָב געקוקט אויף אָט די טראַגישע קרבנות פון יידישן גורל און פלעג טראַכטן: — ווי האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו באַהאַלטן טיף אין הארצן זייער פּיין און ליידן און זיך צומאָל מער נישט באַקלאָגן? זיי האָבן די טרערן און ווייטיק אין זיך באַהאַלטן!...

ווער עס האָט נישט געזען די יידישע קינדער אין געטאָ, קען זיך נישט פאָרשטעלן זייער בליק... מיר גייט נאָך דער בליק פון נישט איין יידיש קינד וואָס איך האָב געווען ארום מיר...

עס גייט מיר אויך כסדר נאָך א פראַגע, וואָס איך האָב געהערט פון א געטאָ־קינד, וואָס איז געווען מיט דער מאַמען אויסבאַהאַלטן. נאָך דער באַפרייאונג ווען עס איז ארויס פון דער באַהעלטעניש האָט דאָס אכט יעריקע מיידעלע א פרעג געטאָן דער מוטער: — מאַמע, כ'מעג שוין איצט וויינען?...

דאָס קינד האָט אין די יאָרן פון אויסבאַהאַלטן זיך געהערט דעם אָנזאָג, אז זי טאָר נישט וויינען, אז דאָס וויינען אויף א קול וועט זיין פאַר איר אַן אומגליק... דעריבער איז דער ערשטער פאַרלאַנג פון פּסיכישער אָנטשפּאַנונג ביים קינד געווען צו קענען זיך אויסוויינען...

איז דען דאָ א פּרעצעדענט אין דער מענטשלעכער געשיכטע פון אזא עקזיסטענץ? — — —

איך האָב בייגעוווינט פאַרשידענע שווידערלעכע סיטואַציעס ביי קינדער און דערוואַקסענע. איך בין געווען אַן עדות צו זען די טראַגעדיעס און איבערלעבענישן בעת די ספּעציעלע „אַקציעס" קעגן קינדער און איך האָב אָבסערווירט ווי אזוי

יידישע קינדער האָבן מיט ציין און נעגל זיך געראַנגלט מיט דעם ביטערן שונא צו בלייבן לעבן.

זיי האָבן מיט אזוי פיל מי און מסירת־נפש געזאָרגט נישט נאָר פאר דער אייגענער אויסקומעניש נאָר אויך פאר טאַטע־מאַמע, פאר ברידער און שוועסטער. וויפל דערפינדע־רישקייט און איינשטעלערישקייט האָבן זיי ארויסגעוויזן צו ברענגען אַ ביסל שפייז פאר זייערע נאָענטסטע!

און ביי וויפל פאַמיליעס זענען די קינדערלעך געווען די פרנסה־ברענגערס און באַשפּייזערס, ביז די גרויזאַמע מער־דערס האָבן זיי געכאַפּט און זיי אוועקגעשיקט צום אומקום?

די כסדרדיקע געפאַר, וואָס האָט געלויערט אויף אָט די קינדער (וועגן די עלטערע — שפּעטער), האָט טאַקע ארויס־גערופן שווידערלעכע פּסיכישע רעאַגירונגען בעת די „אויס־זידלונגען" און „אַקציעס".

פּאָליאַקן און יידן

די באַציאונג פון די פּאָליאַקן צו דער יידישער מאַרטיראָ־לאָגיע איז נישט געווען קיין איינהייטלעכע. די איינשטעלונגען פאַרנעמען א ברייטע גאַמע פון אינדיווידועלע באַציאונגען און פון געזעלשאַפטלעכע, וואָס זענען געווען אזוי עקסטרעם־פאַרשידן אין זייערע מאָטיוון: דעם כאַראַקטער פון א יחיד, ווי פון א פאָלק דערקענט מען בולטער אין צייטן פון נסיונות און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק סיי אינדיווידועל, סיי אינעם קאָלעקטיוון גייסט, ווען דאָס פּוילישע פאָלק, ווי א גאַנ־צעס, איז געשטעלט געוואָרן פאַרן גרעסטן געשיכטלעכן עק־זאַמען בעתן אומקום פון פּוילישן יידנטום אין דער נאַצישער תקופה.

עס איז א היסטאָרישער פאַקט, אז במשך פון טויזנט יאָר האָבן יידן און פּאָליאַקן געלעבט אויף דער זעלבער פּוי־לישער ערד און ווי שכנים דורכגעמאַכט פאַרשידענע באַצי־אונגען און אומוואַנדלונגען. עס איז נישט אָפּצושאַצן דעם גרויסן צושטייער, וואָס יידן האָבן געלייסטעט במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פּויל־שער ווירטשאַפט, פאַר דער אינדוסטריע, פאַרן האַנדל אין לאַנד און מיט אויסלאַנד, און וויפל נייע אינדוסטריע-צווייגן יידן האָבן אויפגעשטעלט אין פּוילן א דאַנק זייער איניציאַ־טיוו און אונטערנעמערישקייט! יידן האָבן נישט נאָר ווירט־שאַפטלעך, נאָר אויך גייסטיק און קולטורעל דערהויבן דעם נאָמען פון פּוילן. דער יידישער זשעני אין פּוילן האָט זיך

מאַניפעסטירט אויף אַלע געביטן און צווייגן פון דער פוילישער מלוכה במשך פון איר לאַנגער געשיכטע.

ווען עס איז געקומען דער יידישער חורבן, ווי אזוי האָבן זיך די פּאָליאַקן באַצויגן? אין פוילן איז געווען א דורות־דיקער איינגעוואָרצלטער אַנטיסעמיטיזם אין פארשידענע פאָרמען און פאַזעס. דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און קולטור־לעבן אין דעם אַספּעקט פון א יידישן פּראָבלעם. און א מערקווירדיקע געשעעניש איז געווען אין אויגוסט 1939, ווען פון די שפּאַלטן פון דער פוילישער פּרעסע איז פּלוצעם אַראָפּ די א"ג יידן־פּראַגע. זיכער איז דאָס געווען א רעזולטאַט פון ערב היטלערס אָנפאַל אויף פוילן, ווען עס האָט זיך ספּאָנטאַניש אויפגעשטעלט אן איינהייטלעכער פראָנט קעגן שונא.

עס האָט אין יענעם מאָמענט דערמאָנט אין דער פויליש־יידישער פארברידערונג ערב דעם אויפשטאַנד פון 1863, ווען עס איז פארשוווּנדן געוואָרן פון אויבערפלאַך נישט נאָר יעדער אויסדרוק פון אַנטיסעמיטיזם, נאָר אפילו דער מינדסטער אָנדייט פון אַנטאַגאָניזם.

די זעלבע פוילישע אָרגאַנען, וואָס האָבן פאר אויגוסט 1939 געשאָטן פעך און שוועבל אויף יידן און פלעגן איבער־שטייגן איינער דעם אַנדערן אין אַנטיסעמיטישער העצע, האָבן פּלוצעם דאָס אַלץ אָפּגעשטעלט און געשאַפן אן אַטמאָ־ספער פון אן „האָניג־חודש" אין די יידיש־פוילישע באַציאונגען. אָבער ווי נאָר די דייטשע אָקופּאַציע האָט זיך אָנגע־הויבן איז צוריק באַלד ארויסגעשווּומען אויף דער אויבער־פלאַך דער פוילישער אַנטיסעמיטיזם.

די נאַצישע יידן־פאַרפאָלגונגען האָבן ממש געשאַפן א „גאָלד־גרוב" פאר די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געזען, אז

יידיש האָב־און־גוטס אויסגעפּראַצעוועט, אָנגעזאַמלט דורך דורות, וועט גלייך אריינפאַלן אין זייערע הענט. דעם נאַצישן פאַרניכטונגס־פּלאַן פון פּוילישן יידנטום האָט דער אַנטיסע־מיטישער לאַגער אויפגענומען מיט אָפענער און באַהאַלטענער פרייד. אַ קלייניקייט, אַזוי שנעל גייט ווערן „געלייזט" דער יידישער פּראָבלעם, און אַ רכוש פון מיליאַרדן אין ווערט פון יידישע פאַרמעגנס וועט ווערן זייער אייגנטום — האָט זיי טאַקע דערפרייט דאָס אַנטיסעמיטישע האַרץ, דערשפּירנ־דיק, אַז זיי וועלן ווערן די יורשים פון די אומגעבראַכטע יידן אין די טרעבלינקעס און מיידאַנעקס...

אוודאי זענען צווישן די פּוילישע אַנטיסעמיטן געווען אויך „קולטורעלע" יידנפרעסער, וואָס זענען געווען צופרידן, אַז די „שמוציקע אַרבעט" ווערט געטאָן פאַר זיי דורך אַנדערע. עס האָבן זיך אָפּגערופן אָבער אויך די „שמאַלצאָווניקעס", די פּאָליאַקן־מוסרים און מערדער, וואָס האָבן זיך געשטעלט מיט דעם גאַנצן ברען צו העלפן דירעקט די נאַצים אויסראָטן די יידן. זיי האָבן זיך באַטייליקט אין דעם יאַגד אויף יידן מיט דער זעלבער חיהשקייט ווי די דייטשן, אויסגעגראָבן די באַ־האַלטענע יידן פון זייערע באַהעלטענישן און דורך שאַנטאַזש און מסירה אויסגעליפערט זיי צו די דייטשן.

גאַנץ באַדייטנדיקע טיילן פון דער פּוילישער באַפעלקע־רונג האָבן בעת די דייטשע „אַקציעס" געשמאַק זיך באַטיי־ליקט אין אויסזוכן יידן פון אונטער דער ערד. אָט דער טראַ־גישער און שענדלעכער קאַפּיטל פון יידישן חורבן מיט דער מיטבאַטייליקונג פון פּאָליאַקן, האָבן אויך פּוילישע שרייבערס נאָכן קריג מיט צאָרן פאַראורטיילט. אַזעלכע שרייבערס, ווי יעזשי אַנדזשעיעווסקי, יאַנוש סטעמפּאָווסקי, סטעפאַן אָטווי־נאָווסקי — צו דערמאָנען נאָר עטלעכע נעמען — האָבן גע־

האט דעם בירגערלעכן מוט צו טאַדלען נישט נאָר דירעקט מיטבאַטייליקטע אין יידן־מאָרד, נאָר אויך די גרויסע שיכטן פון דער פוילישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן מיט גלייכגילטיקייט זיך צוגעקוקט צו דער שחיטה איבערן יידישן פאָלק.

דער קלער, די פוילישע פרעסע, די פּאַרטייען

דער יידישער היסטאָריקער־מאַרטירער, דר. עמנואל רינגעלבלום האָט געשריבן זייער פיל וועגן דער שטעלונג פון פוילישן קלער, וואָס האָט זיך כמעט גלייכגילטיק באַצויגן צו אָט דער טראַגעדיע.

ער ציטירט א קירכלעכן באַריכט פון דער וואַרשעווער דיעצעזיע קיין לאָנדאָן פאַר יוני 1941. אין דעם באַריכט לייענען מיר: „וואָס שייך די יידן־פראַגע דאַרף מען דאָס באַטראַכטן ווי א חסד פון דער השגחה, וואָס די דייטשן כאָטש זיי האָבן פיל עוולות באַגאַנגען און באַגייען אין אונדזער לאַנד, אָבער אין דעם פּרט האָבן זיי געמאַכט א גוטע התחלה, ווייזנדיק א מעגלעכקייט צו באַפרייען די פוילישע געזעלשאַפט פון דער יידישער פּלאָג . . . עס איז דאָ אין דעם א בפירושער חסד פון דער השגחה, וואָס די אָקופּאַנטן האָבן אליין צוגעלייגט א האַנט צו דער פאַרענטפערונג פון דער דאָזיקער ברענענדיקער פראַגע, ווייל דאָס פוילישע פאָלק וואָס איז ווייך און נישט סיסטעמאַטיש, וואָלט זיך נישט דעצידירט אויף די ענערגישע שריט, וואָס זענען אין דער פראַגע אומבאַדינגט

נויטיק". צו די קלאָרע ווערטער פון פּוילישן קלער אין פּוילן אין יענער טראַגישער צייט זענען נישט נויטיק קיינע קאָמענטאַרן...

איבעריק צו אונטערשטרייכן אויף וואָס פאַר אַן אופן די אַנטיסעמיטישע פּרעסע־אָרגאַנען האָבן דעם פאַרניכטונגס־פּלאַן פון פּוילישע יידן באַטראַכט ווי אַ ישועה פאַר פּוילן.

די עקסטרעמע אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען האָבן געהעצט צו פּאָגראָמען קעגן יידן גלייך, ווי פּוילן איז אָקופּירט געוואָרן. עס האָט זיי אונטערגעשפּילט די האַלטונג פון יידישע קאָמוניסטן בעתן אריינמאַרש פון די סאָוויעטישע אַרמייען אין מזרח־פּוילן. די יידישע קאָמוניסטישע צוזאַמענאַרבעט מיטן סאָוויעטישן אָקופּאַנט, זייערע מסירות צו דער נ.ק.וו.ד. און אויך דאָס, וואָס יידן האָבן אויפגענומען מיט צופרידנקייט וואָס די רויטע אַרמיי האָט זיי באַפרייט פון זיין אונטער נאַצישער הערשאַפט איז צוריק אריין אין דעם בילד פון „זשידאָ־קאָמונאָ".

האָט די אַנטיסעמיטישע צייטונג „סלאָוואָ פּראַוודי" („וואָרט פון אמת") געשריבן אזעלכע גיפטיקע שורות אין אַן אַרטיקל וועגן יידן, אַז נישט נאָר האָבן זיי (די יידן) נישט גענומען קיין אָנטייל אין קאַמף מיטן נאַציזם, נאָר ווי זיי האָבן געקענט האָבן זיי געהאָלפן אומברענגען פּאָליאַקן...

קלאָר איז, אַז די נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע האָט געזוכט צו געווינען די פּאָליאַקן פאַר זייערע אַנטי־יידישע פאַרניכטונגס־פּלענער, און טאַקע אָנגעוויזן, אַז די פּאָליאַקן דאַרפן זיין דאַנקבאַר היטלערן פאַר זיינע פּלענער צו פאַרענטפערן די יידן־פראַגע און וואָס פאַרא מעגלעכקייטן זיי וועלן האָבן דורך דעם אויפן געביט פון האַנדל, אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט.

פּאָליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט ייִדן

ביי דער פאַרשאַרפטער אַנטיסעמיטישער אַטמאָספער אין פּוילן, וואָס האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג דורך די נאַצישע פאַרפאָלגונגען און פאַרניכטונגס־אַק־ציעס, איז מער ווי נויטיק אָנצווייזן אויף די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געהאָלפן ייִדן, צוליב פאַרשיידענע מאָטיוון, איינשטעלנ־דיק זייער אייגן לעבן ביים וועלן ראַטעווען ייִדן. עס זענען געווען פאַלן ווען זיי האָבן צוליב הומאַניסטישע געפילן אויס־באַהאַלטן ייִדן, טיילמאָל געהאָלפן צוליב אַ רעליגיעזן סטימול. געווען אינדיווידועלע פאַלן אויך צוליב ליבע, אָבער אָממייסטן איז עס געווען פאַרבונדן מיט מאַטעריעלן נוצן, צוליב גרויסע געלט־סומעס, צוליב ביזשוטעריע און אַנדערע ייִדיש האָב־און־גוטס, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן.

ווען דאָס האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט מען אונטערן דרוק פון מורא פאַר דער געסטאַפּאָ געזוכט פּטור צו ווערן פון דעם ייִד פון וועלכן מען קען שוין סיי ווי מער קיין מאַטעריעלן נוצן נישט האָבן. די מלחמה האָט אויסגעלערנט צו נעמען ריזיקעס מיטן אייגן לעבן, דאָס האָבן טאַקע געטאָן נישט ווייניק פון דער פּוילישער באַפעלקערונג ווען עס האָט זיי גע־לוינט... אָבער ווען זיי האָבן שוין נישט געזען מער קיין נוצן, האָט מען נישט געוואָלט ווייטער ריזיקירן...

עס איז פאַלש איינצוטיילן די באַציאונג פון די פּאָ־ליאַקן צו די גערודפטע ייִדן לויט אַ קלאַסן־שליסל, ווי עס פּרוּוון טאָן געוויסע געשיכטע־שרייבער פון די לינקע... די

וואָס האָבן געהאָלפן יידן האָט מען געקענט געפונען צווישן אַלע שיכטן, צווישן אַלע קלאַסן און סאָציאַלע גרופעס: באַן־אַרבעטער און געוועזענע סטרוזשעס ביי יידן, פרויען פון אָפי־צירן און געוועזענע דינסטן (ביי יידן); צווישן פראָפעסאָרן און גלחים, סוחרים און אַרבעטער.

איך אַליין האָב פערזענלעכע ביישפּילן פון טיף־הומאַניטאַרע האַנדלונגען פון געוויסע פּאָליאַקן, וואָס האָבן געפונען אין זיך די מאָראַלישע כוחות און העלדישן מוט אין אַ צייט ווען פון אַלע זייטן האָט געפלייצט יידן־האַס און יידן־מאָרד און די פּלאָג פון מסרן אויף יידן האָט געקאָסט אויך אָן אַ שיער לעבנס פון פּאָליאַקן, דאָך האָבן זיי גובר געווען אין זיך די שרעק פאַרן טויט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט דעם ייד צו ראַטע־ווען אים כאָטש אויף אַ שטיקל צייט. וועגן מיינע פערזענלעכע פאַלן, ווען מען האָט מיך, דעם געיאָגטן און געפּלאָגטן ייד געזוכט צו העלפן, וועגן דעם וועט מיר נאָך אויסקומען ווייטער צו דערציילן. דערווייל שטעל איך זיך נאָר אָפּ אין אַלגעמיין.

מיר וועלן דאָך קיין מאָל נישט האָבן קיין גענויעם ציפער וויפל פון די פּאָליאַקן האָבן געהאָלפן די דייטשן, פאַר דער באַלוינונג וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט פאַר יעדן פאַר־מסרטן יידן.

קלאָר, אַז די באַלוינונגען האָבן געלאָקט, און אַז די אויס־געלאַסענע נאַצישע העצע קעגן יידן אין פּוילן, האָט געהאַט אַ שטאַרקן פּרוכטיקן באָדן, קען מען זען לויט אַ פּשוטער סטאַטיסטיק דורך אייניקע ציפערן פון אָקופּירטע לענדער אין אייראָפּע:

97 פּראָצענט פון דער פאַרמלחמהדיקער יידישער באַ־פעלקערונג אין פּוילן זענען אומגעקומען! ווען מיר פאַרגלייכן

די פּראָפּאָרציע צו אַנדערע לענדער זעט זיך בולט דעם אונ־טערשייד: אין פראַנקרייך, למשל, זענען אומגעבראַכט גע־וואָרן בערך 25 פּראָצענט פון דער פאַרמלחמהדיקער צאָל ייִדן; אין בעלגיע — בערך 30 פּראָצענט, אפילו אין דעם אַנטי־סעמיטישן רומעניע — 57 פּראָצענט. אָט די ציפערן זענען אַ שווערער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן פּוילישן פאָלק ווי אַ גאַנצן, וואָס האָט באַלייגט אַזאַ טרויעריקן געשיכטלעכן עקזאַמען.

אוודאי זענען אין פּוילן געווען פיל שווערערע באַדינ־גונגען, ווי אין אַנדערע לענדער אויסצובאַהאַלטן ייִדן, די שטראָף איז געווען שטאַרקער, אָבער די באַשולדיקונג איז נישט אַזוי ווייט פאַרוואָס די פּאָליאַקן האָבן אַזוי ווייניק געהאָלפן די געפּלאָגטע ייִדן, נאָר פאַרוואָס זיי האָבן מיט אַזאַ אייפער געהאָלפן נאַציס אומצוברענגען די ייִדן!

און פּונקט ווי מיר ווייסן נישט די צאָל פּאָליאַקן וואָס האָבן געהאָלפן די דייטשן, אַזוי וועלן מיר אויך שוין קיין מאָל נישט וויסן וויפל פון זיי עס האָבן געהאָלפן ייִדן. לײדער, לײדער, איז זייער צאָל געווען אַזאַ קליינע. זייער ווייניק פּאָ־ליאַקן־צדיקים זענען געווען אין דעם סדומישן פּוילן בעת דעם נאַצישן חורבן איבער דעם אייראָפּעישן ייִדנטום.

ווען איך גיב היינט נאָך אַ טראַכט וועגן די שאַרפע אַנטי־סעמיטישע שטימונגען ביי דער איבערוויגנדיקער מערהייט פון פּוילישן פאָלק, ציטערט אויף אין מיר יעדער אבר! נאָך דעם קריג איז מיר צופעליק אויסגעקומען צו לייענען, וואָס עס האָבן געשריבן די פּוילישע אונטערערדישע פּרעסע־אָרגאַ־נען דעמאָלט בעת מיר, די געיאָגטע ייִדן, ווי ווילדע חיות, זענען שוין געבליבן בלויז די לעצטע רעשטלעך פון אויסגע־שאָכטענעם פאָלק, אויסבאַהאַלטן אין אונטערערדישע הײלן,

ווי דער טויט האָט אויף אונדז געלויערט יעדער מינוט. שרייבט דאָן דער אָרגאַן פון דער פוילישער פויערים־פּאַרטיי „פּיאַסט", אין א לייט־אַרטיקל פון יוני־יולי, 1943 (שוין נאָך דער פאַר־ניכטונג פון דעם וואַרשעווער געטאָ), אַז אין פוילן זענען נאָך פאַראַן צופיל יידן און „עס דרוקט אויף אונדז א גרויסע יידישע מאַסע"...

די גרויסע יידישע מאַסע איז שוין דעמאָלט געלעגן א פאַרברענטע, א פאַרוואַנדלטע אין אַש פון די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, געלעגן אונטער די חורבות פון פאַרברענטן וואַרשעווער געטאָ.

דער זעלבער לייט־אַרטיקל שרייבט ווייטער: „עס מוז ליקווידירט ווערן דער אָנטייל פון יידן אין אונדזער לעבן אין זייער איבערוווּקס. די איבערוויגנדיקע מערהייט יידן מוזן פאַרלאָזן פוילן"...

א פריינד האָט מיר דערציילט מיט וואָס פאַרא אויפרע־גונג ער האָט געלייענט אין דער אָפיציעלער אויסגאַבע פון דער פוילישער דעלעגאַטור אין לאָנדאָן („נאָווי ווספּולני דאָם") ווען ער האָט געזען שוואַרץ אויף ווייס געשריבן וועגן דער דערמאָרדונג פון יידנטום, אַז „דאָס פאַרשווינדן פון דעם פרעמדן עלעמענט, וועט האָבן א קאָלאָסאַלע באַדייטונג פאַרן אויפבוי פון נייעם פוילן"...

עס איז דאָך נישט געווען קיין צופאַל, וואָס היטלער האָט אויסגעקליבן פוילן פאַר דעם שעכטהויז פון יידישן פאָלק! ער האָט גוט געוווּסט וואָס פאַר א הילף ער וועט באַקומען פאַר זיינע פּלענער פון די פּאָליאַקן, ליטווינער, אוקראַינער. אויך דאָס איינפירן די געטאָס פאַר יידן, איז דאָך געווען א טייל פון דעם טייוולאָנישן פאַרניכטונגס־פּלאַן, קודם, צו איזאָלירן די יידישע באַפעלקערונג פון דער קריסטלעכער.

אגב, די פאַראָרדענונג איינצופירן דעם געטאָ אין וואַר־שע איז ארויסגעגעבן געוואָרן דורכן גובערנאַטאָר פון וואַר־שעווער דיסטריקט, לודוויק פישער, דעם 2טן אָקטאָבער 1940...

נישט ווייניק יידן, וואָס האָבן פאַרויסגעזען די פאַר־שאַרפטע אַנטי־יידישע געזעצן, האָבן געמיינט, אז זיי וועלן זיך קענען ראַטעווען, ווען זיי וועלן זיך אין די מעלדונגס־ביכער איינשרייבן אַלס אַריער, און אַזוי אַרום וועלן זיי נישט דאַרפן טראָגן די קענצייכנס.

ווען מען האָט געכאַפּט זייער „פאַרברעכן" האָבן זיי דערפאַר באַצאָלט מיט דער שווערער שטראָף אוועקגעשיקט צו ווערן מיט א טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ. ס׳רוב פון זיי זענען באַלד אומגעקומען. זייערע משפּחות פלעגן באַקומען א מיטטיילונג, אז זיי זענען „פּלוצלונג" געשטאָרבן . . . אָט די געפאַר האָט שוין אָפּגעשראָקן זיך צו פאַרשרייבן פאַר אַריער . . .

ווי באַוווּסט האָבן די נאַציס אָנגעווענדעט לגבי משומדים די זעלבע גזרות, ווי לגבי יידן. זיי האָבן געמוזט וווינען אין געטאָ (אויב זייערע אַרישע משפּחות האָבן זיי נישט אויס־באַהאַלטן). אין דייטשלאַנד זענען אויף דעם באָדן פאָרגע־קומען פיל משפּחה־טראַגעדיעס מיט פאַנאַנדערגעפאַלענע פאַמיליעס. אין פּוילן האָבן אפילו די פאַרברעכנסטע אַנטי־סעמיטן נישט אָנגענומען דעם נאַצישן ראַסיזם. די פאַר־פעלקער פון געמישטע חתונות זענען צוזאַמען אוועק אין געטאָ און ווי משומדים פלעגן זיי זיך טרעפן אין די זונטיקס אין קירכע ביים אָפּריכטן א גאָטעס־דינסט.

איך בין צופעליק אַמאָל אין א זוניקן זונטיק אריינגע־פאַלן אין א קירכע, אויף לעשנע גאַס לעבן דער קאַרמעליצקע, און געזען, ווי די קירכע איז פול מיט עטלעכע דורות יידן

משומדים. זיי האָבן געטראָגן אויף די אָרבל מגן־דודס און זיך פרום צוגעהערט צום גלח, וואָס האָט געזאָגט די קאַטוי־לישע תפילות. אויך דער גלח האָט געטראָגן דעם יידישן קענ־צייכן און דאָס טראַגיש־קאָמישע בילד האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, ווי איך וואָלט זיך געפונען, להבדיל, אין אַ סינאַגאָגע.

ביים דערמאָנען דאָס וואָרט „סינאַגאָגע" קוקט מיר אויפן זכרון דער לייב פון די גרויסע יידישע חזנים, דער באַרימטער גרשון סיראָטאַ מיט וועמען עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין אויסבאַהאַלטן אַ שטיקל צייט צוזאַמען. ער איז דאַן שוין אַלט געווען 72 יאָר און מיר, די גרופּע, האָבן אַלץ געטאָן צו העלפן אים אויסבאַהאַלטן זיך פון די מערדער. ער איז געווען אַ שווערלייביקער מענטש און זיין מוזן שטיין צוגעדריקט צו אַ וואַנט אַ לענגערע צייט פאַרשטעלט מיט אַ שאַפע, איז געווען פאַר אים זייער שווער, ממש אומדערטרעגלעך. מיט אים איז אויך געווען אויסבאַהאַלטן זיין טאָכטער, וועלכע איז שוין אויך געווען אין די פופציקער יאָרן.ביידע האָבן שטאַרק געליטן.

סיראָטאַ האָט אונדז דערציילט, אַז פאַר דעם קריגס־אויסברוך האָט ער געהאַט אַ קאָנטראַקט געמאַכט מיט אַ גרוי־סער סינאַגאָגע אין ברוקלין (ניו־יאָרק), ליידער האָט ער נישט באַוויזן אַוועקצופאָרן אַהין באַצייטנס און געבליבן אין פּוילן. זיין גורל איז געווען אַ געחתמעטער. יונגערע האָבן נאָך גע־קענט זיך שפּייזן מיט האָפענונגען פון בלייבן לעבן, אָבער אַלטע און שווער־באַוועגלעכע, ווי סיראָטאַ, זענען געווען פאַר־משפּטע אין געטאָ. עס איז נאָר געווען פאַר זיי אַ חיי שעה, אויב אַזאַ מין עקזיסטירן האָט געמיינט לעבן...

איך האָב אין מיין לעבן אַ סך מאָל גענומען ריזיקאַלישע

שריט, בפרט אין יענער צייט ווען איך האָב יעדער מינוט געקאָנט זען דעם טויט פאַר די אויגן, אַוודאי, ווען מען פילט, אַז מען האָט שוין נישט וואָס צו פאַרלירן, און דאָס לעבן הענגט נאָר אויף אַ האָר, ווערט מען ריזיקאַליש און געוואַגט אויף יעדער זאַך, וואָס מען טראַכט, אַז עס קען ראַטעווען.

איך האָב געהאַט כוח אַריבערצוטראָגן פיזישע ליידן, הונגער און דורשט, וואָס לויט אַלע געזעצן פון מעדיצין, איז עס געווען אוממעגלעך אויסצוטראָגן און אַרויסקומען בשלום, ממש פון טויט ווערן לעבעדיק. דער נס איז דאָך געשען מיט מיר און מיט די אַלע אַנדערע, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם היטלעריסטישן מלאך־המות און געבליבן לעבן. קען מען עס דען אַנדערש אָנרופן ווי אַ נס, דעם גאָלגאָטאַ־וועג פון דער שארית הפליטה דורך אַלע גהינומס ? . . .

עס שטייען פאַר מיינע אויגן בילדער וואָס איך האָב געזען אין די אָרעמע שטובער און גאַסן פון וואַרשעווער געטאָ : אויף קראָכמאַלנע, סמאָטשע, ניזקע און אַנדערע גאַסן און געסלעך, ווו מענטשן מיט בלייכע פנימער און פיבערדיקע אויגן זענען געלעגן אין די בעטן כמעט גאַנצע טעג, ווייל זיי האָבן שוין נישט געקענט שטעלן אַ טריט. דאָס לייב ביי זיי באַדעקט מיט ווונדן, די פנימער פאַרגליווערט אין צער און אין מוח איין שטעכיקער געדאַנק : אַ שטיקל ברויט צו קריגן ! דער געדאַנק האָט פאַרפייניקט ביז משוגעת. נישט געווען אָבער קיין האָפענונג אויף דעם, און עס פלעגן אויסגעלאָשענע אויגן אַרויסקוקן פון די אויגן־לעכער . . .

דייטשע יידן זענען באַגאַנגען אין יענע יאָרן אַ סך זעלבסט־מאָרדן, די פוילישע יידן האָבן אין די טראַגישסטע באַדינ־גונגען איינגעהאַלטן אַ פונק פון לעבן. איך האָב געזען אויף דעם קליינעם אָרומגעצוימטן שטח פון געטאָ (ווו עס האָבן

זיך געפייניקט איבער א האלבער מיליאָן יידן) מאסן־עפּידע־מיעס, פלעקן־טיפוס און הונגער־געשווילעכץ, אָבער ווייניק פאלן פון אראָפּגיין פון זינען, אָדער זעלבסטמאָרד.

לאָמיר מודה זיין: פון אָנהייב האָבן מיר (אין לעגאַל־געשאַפענעם געטאָ) געגלויבט, אז מיטן לעבן וועלן מיר זיין געזיכערט אויב מיר וועלן ארבעטן און דערפילן די פליכטן, וואָס די דייטשן וועלן ארויפלייגן אויף אונדז.

ווער האָט זיך געקענט גאָר פאָרשטעלן, אז די דייטשע באנדיטן וועלן באפאלן דעם געטאָ און דערהרגענען אויפן אָרט אָדער פארשלעפּן אין די טויט־לאגערן ?...

אויך די ארויסגעפירטע יידן האָבן ביז דער לעצטער מינוט געשעפּטשעט אני מאמין, מען האָט זיך געלאָזט אָפּנארן פון די פארפירערישע פאלשע קלאנגען, אז מען פירט אויף ארבעט. האָט דען א מענטש מיט א ביסל גלויבן אין דער וועלט און אין דער מענטשלעכער קולטור, געקענט צולאָזן צו זיך דעם געדאנק, אז דאָס פאָלק פון גטעט און שילער וועט אין מיטן העלן טאָג, ווען די זון וועט שיינען זוכן אומצוברענגען א גאנץ פאָלק ?! וועט דען א וועלט שווייגן פאר אזא פארברעכן ?!

דער דורותדיקער יידישער בטחון האָט נישט געקענט צו־לאָזן צום געדאנק אזא משוגעת. מער נאָך: אפילו די וואָס האָבן שוין תופס געווען וואָס עס מיינט „אוועקפירן אויף ארבעט” האָבן מיט זייער גאנצער תמימות געגלויבט, אז די וועלט ווייסט נישט דערפון און ווי נאָר זי וועט זיך דערוויסן וועט זי גלייך באָמבארדירן די וועגן וואָס פירן קיין טרעבלינקע און מיידאנעק...

אָבער די וועלט האָט געשוויגן... נישט די גרויסע וועלט־מאכטן, נאָר קליינע מלוכות, קליינע פעלקער האָבן גע־

טראָגן גרויסע הילף, פיזישע, מאָראַלישע, ווי דאָס האָט געטאָן דאָס קליינע מדינהלע, דענעמאַרק.

עס זענען געווען אַ סך יחידים וואָס האָבן געוואָלט אונדז העלפן און נישט געקענט עס טאָן. און די שיינע ליכטיקע געשטאַלטן פון די נישט־יידן וואָס האָבן יאָ באַוויזן צו ראַטעווען, זענען געווען אַזוי ווייניק אין צאָל — דער עיקר אין פוילן — און ווייל זייער צאָל און מיליע איז געווען אַזוי טראַגיש קליין, זעען די יחידים אויס אַזוי (ריזידיק) גרויס . . .

עס הענגען אויף אונדזערע ליפּן אַזוי פיל אומפּאַרענטפערטע פראַגן אויף וועלכע מיר האָבן עד היום נישט קיין ענטפער און אייניקע פון זיי האָט אויך געפרעגט דער פויליש־יידישער שרייבער יוליאַן סטריקאָווסקי אין זיין באַוווּסטן ווערק „אויסטעריאַ". ער לייגט אריין אין אונדזער מויל די פראַגעס: פאַרוואָס מוזן מיר כסדר אַזוי טייער באַצאָלן?"... פאַרוואָס קען ווער עס וויל אריינגיין אין אונדזער הויז דערהרגענען, פאַרגוואַלדיקן?" — קיין ענטפער אויף די פראַגעס גיט ער אונדז נישט.

אונדזער לעבן און אַרבעט אין געטאָ

וואָס שייך אַרבעט אין געטאָ, האָט מען געאַרבעט ווי שקלאַפן אַ לאַנגן אַרבעטס־טאָג און באַקומען נאָך אויך קלעפּ פון די אויפזעער אַלס צוגאַב, אָבער צוליב דעם וואָס אויף דער אַרישער זייט האָבן אויסגעפעלט אַרבעטס־הענט, האָט מען דערלויבט יידישע אַרבעטער צו באַשעפטיקן אין די פאַר־שידענע אַגענטורן וואָס אַרבעטן פאַר דער דייטשער אַרמיי.

יידישע אַרבעטער זענען באַשעפטיקט געוואָרן אין די דייט־טשע פאַבריקן פון קורט רעריך, ק. ג. שולץ, בראַוער. אַנדערע יידן האָבן אויך געאַרבעט ביי דער באַן, ווי עס האָבן אויסגעפעלט קריסטלעכע אַרבעטער. אין דער באַגלייטונג פון דייטשע וועכטער פלעגן זיי טעגלעך גיין צו דער אַרבעט און אַוועקגיין צוריק אין געטאָ נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט.

אין געטאָ האָב איך אויך געאַרבעט אין אַ מאַנשאַפט וואָס האָט געהאָלפן נאָכקוקן די קראַנקע אין שפּיטעלער, בעיקר קינדער. מיר פלעגן באַזאָרגן מיט קאַרטאָפל און ברויט, אַ ביסל גרינוואַרג און אויך ברענגען פערד־פלייש.

איך האָב אויך נאַטירלעך געזאָרגט אויפצוהאַלטן מיין פאָטער ווי לאַנג כ'האָב נאָר געקענט. איך האָב זיך באַמיט ער זאָל זיין באַשעפטיקט ביי דער חברה קדישא אין געטאָ, מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט דער „קעניג פון די מתים", מ. פינקערט.

צו יענער צייט האָט זיך די חברה קדישא נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דער קבורה פון דער גרויסער צאָל מתים. אויף די גאַסן פלעג איך זען ליגן מתים נאַקעטע, פאַרדעקט מיט פאַפּיר. אַממיינסטן זענען דאָס געווען קינדער, וואָס זענען געשטאָרבן געשוואָלענע פון הונגער און קראַנקהייטן. ס'האָבן אויך נישט געפעלט אויף די גאַסן קיין עלטערע מתים, וואָס זענען אויסגעגאַנגען און מען האָט זיי אַראָפּגעטראָגן אויף דער גאַס, ווייל עס איז נישט געווען אויף קיין קבורה־געלט. אָט די בילדער פלעג איך האָבן פאַר די אויגן ביים צוריק־קומען נאָך דער אַרבעט אין געטאָ. איך פלעג דעמאָלט אָפט טראַכטן וועגן מיין פאָטערס גורל און ווי לאַנג די חברה קדישא און מ. פינקערט וועלן אים קענען האַלטן.

וועגן מאָטל פינקערט האָב איך שפּעטער געהערט א ריי געשיכטעס פון זיין איינפאַלערישקייט ארויסצוראַטעווען יידן פון אומקום. וועגן איינעם א פאַל געדענק איך זייער גוט. עס האָט זיך געהאַנדלט ארויסצופירן פון תפיסה א געוויסן פערזאָן מיטן נאָמען בענטשינסקי.

דורך פאַרשידענע מיטלען האָט מען באַקומען פון תפיסה־דאָקטאָר א צייגניש, אז בענטשינסקי איז „געשטאָרבן”... עס איז אָבער געבליבן די פראַגע ווי אזוי אים ארויסצופירן א לעבעדיקן פון תפיסה דורך סימולירן, אז ער איז טויט.

מען האָט אים געגעבן אַן איינשפּריצונג ער זאָל איינ־שלאָפן און מען אים אריינגעלייגט אין א פאַרמאַכטן מתים־קאַסטן מיט אויסגעבויטע לעכער דער „מת” זאָל האָבן לופט.

דעם קאַסטן האָט מען ארויסגעפירט פון תפיסה און צו געפירט אים צום עק גענשע און זאַמענהאָף. דאָרטן האָט מען ארויסגענומען דעם „מת” און אים ארויסגעפירט אויף דער אַרישער זייט, ווו עס איז שוין געווען פאַר אים צוגעגרייט

א באהעלטעניש. ווידער אין דעם קאסטן האט מען באלד אריינגעלייגט א פאקטישן מת וועלכן מען האט צוגעגרייט צום אויסטויש...

פינקערט איז געווען דער אויספירער פון דער ריזיקער אונטערנעמונג און מען האט דערציילט, אז ביים אויסטוישן דעם „מת" איז געווען די גרויסע סכנה, אז אן ס.ס.־מאן זאל נישט דערשנאפן, אז דא קומט עפעס פאר...

איך האבן געהערט נאך פיל אנדערע אויסטערלישע ריזי־קאלישע זאכן, אבער כ'וויים נישט אויף וויפל זיי זענען ווירק־לעכקייט אדער לעגענדעס, וואס האבן קורסירט אין געטא.

מיין פאטער פלעגט מיר דערציילן ווי די געסטאפא קומט אויפן בית־עולם צו זען די קופעס יידישע מתים און מיט וואס פאר א גליקלעכע מינע זיי פלעגן זאגן צו די באגרעבער: „זייער גוט. מיר ווילן האבן וואס מער טויטע יידן". שפעטער האט מען פון דער ארבעט אראפגענומען מיין פאטער און אים אוועקגעשיקט צום אומקום... דעם זעלבן גורל האבן געטיילט מיין ברודער, מיין שוועסטער און א פלימעניק. זיי זענען אומגעבראכט געווארן אין טרעבלינקע.

איך האב דערווייל געארבעט אין א לאגער און מיין פרוי און שווער זענען געווען אין א צווייטן ארבעטס־לאגער. ביי־נאכט ווען איך בין באפרייט געווארן פון דעם טאג שקלא־פעריי (איך האב געארבעט ווי צוויי פערד און דערפאר גאר־נישט באקומען), האב איך געפרוווט איינשטעלן מיין לעבן און גענאנגען זען מיין פרוי און שווער אין דעם צווייטן לאגער. איך האב געוווסט, אז איך ריזיקיר צו בא־קומען א קויל אין קאפ, אבער גענומען א שאנס. נישט איין מאל פלעג איך ביים דורכגיין א גאס זיך מוזן אויסבאהאלטן

אין קעלערן, צי אין „טויטע הייזער", אויסגעליידיקט פון די פריערדיקע איינוווינער.

עס איז אַ געוויסע צייט אויסגעקומען, אַז ווען איך האָב געאַרבעט אין געטאָ זענען מיין שוועסטער און שוואָגער געווען אין אַן אַרבעטס־לאַגער אויסער דעם געטאָ, ווו זיי פלעגן אַוועקגיין אין דער פרי און זיך אומקערן ביינאַכט צוריק אין געטאָ. אָבער צו יעדער צייט האָט די ס.ס. געקענט כאַפּן אויפן וועג און טראַנספּאָרטירן אין די טויט־לאַגערן. עס איז געווען אַ מזל־זאַך ווען מען איז אַדורך דעם וועג בשלום.

איינמאָל האָבן זיי מיך געכאַפּט און אַוועקגעשיקט אויף אַנדערע אַרבעטן. איך האָב דאָס מאָל נאָך גוט אָפּגעשניטן און איך בין פון זיי אַרויס אין איין שטיק. איך האָב אויפגעהויבן מיינע הענט צום הימל מיט לויב צום באַשעפער. אַן אַנדערש מאָל האָט מיר אויך צוגעשפּילט מיין מזלדיקער שטערן.

געשען איז דאָס איינמאָל אין אַן אָוונט ווען מיר האָט זיך פאַרגלוסט אַריינצוגיין אין טעאַטער (אין געטאָ זענען נאָך דעמאָלט געווען טעאַטערן און קאַפעען). עס זענען דאָרט געווען זייער ווייניק מענטשן און כ'האָב געקענט זען יעדן איינעם. פּלוצעם איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן! איך האָב דערזען, אַז עס געפינט זיך אין זאַל דער הויפּט־דירעקטאָר פון אַלע בענק אין פּוילן, מר. בישאָף אין דער קאָמפּאַניע פון זיינע ס.ס.־געהילפן. איך האָב געשפּירט, אַז עס עפנט זיך פאַר מיר דער אָפּגרונט, און אויב ער וועט מיך דערזען וועט זיין דער סוף . . .

דורך מיין באַשעפטיקונג פאַר דעם קריג אין באַנק־וועזן, האָב איך פערזענלעך זייער גוט געקענט דעם מר. בישאָף. ער האָט געשטאַמט פון ווין און געהאַט פיל יידישע פריינד. אָבער

איצט אין זיין נייער ראָל איז געווען סכנות־נפשות צו באַגעגענען זיך מיט אים. איך האָב באַוויזן נאָך ארויסצוכאַפּן זיך פון טעאַטער־בנין איידער זיין בליק איז געפאַלן אויף מיר... האָב איך געטראַכט אריינצוגיין צו אַ פריינד — כ׳האָב געהאַט אַ סך פריינד און באַקאַנטע אין געטאָ — אָבער איך האָב מורא געהאַט צו רעדן אפילו מיט זיי, אָפּגערעדט שוין פון אריינגיין צו וועמען און גורם זיין געכאַפּט צו ווערן דורך ס.ס.

די געסטאַפּאָ־לייט האָבן דעמאָלט געבושעוועט אין געטאָ אויף אַ שווידערלעכן אופן, און אויף מיין משפחה האָבן זיך די צרות געשאָטן איבערן קאָפּ איינס נאָכן אַנדערן.

מיין שוויגער איז אומגעבראַכט געוואָרן, דערהרגעט אויף אַ קאַלטבלוטיקן אופן בעת מען האָט זי געשלעפּט צו די וואַגאָנעס אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. זי האָט איר צירינג אויסבאַהאַלטן אויף זיך און נישט געוואָלט בשום אופן אָפּגעבן. זי האָט זיך געראַנגלט מיט די מערדערס ביז זי איז געפאַלן א טויטע. עס איז געווען די צייט ווען די דייטשן האָבן שוין געהאַט קאָנפיסקירט אַלע יידישע ווערטפולע זאַכן, איבערהויפּט צירונג און פוטערוואַרג, וועלכע מען האָט אַליין גע־מוזט ברענגען אין דער גמינע־געביידע און באַקומען אַ באַשטעטיקונג, אַז זיי האָבן דערהאַלטן...

נישט אַלע האָבן געהאַט דעם כוח עס פרייוויליק צו טאָן, מיינענדיק, אַז זיי וועלן נאָך עפּעס אָפּראַטעווען. שפּעטער טאַקע דערפאַר באַקומען אַ קויל אין קאָפּ ביים נישט וועלן אָוועקגעבן. צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע האָט אויך, ליידער, געהערט מיין שוויגער ע״ה און עס איז געשען מיט איר, ווי מיט פיל אַנדערע, דאָס וואָס איז געשען...

אין יענער צייט האָט מיין ברודער און שוואָגער זיך אַנגע־

מיין ברודער לעאָפּאָלד און זיין פרוי דאָראָטאַ לאַנקער ע״ה

שטעקט מיט טיפוס. מיין ברודער איז געלעגן אין שפיטאָל, ווו עס האָט געראַיעט מיט לייז, די באַוווּסטע שרעקלעכע טיפוס־לייז... איך מיט זיין פרוי פלעגן קומען אין שפיטאָל אים צו באַדינען, זייענדיק אַליין כסדר אויסגעשטעלט מיר זאָלן ווערן אָנגעשטעקט. צום גליק האָב איך זיך אויסגעהיט א דאנק, אפשר, מיינע שטיוול וואָס איך האָב געטראָגן און אפשר מיין מזלדיקער שטערן אין הימל, וואָס האָט מיך באַ־שירעמט בעת די גרעסטע סכנות.

מיט פאַרשטומטע ליפּן פלעג איך אין די מאָמענטן פרעגן מיין באַשעפער אין הימל: — ווי לאַנג־נאָך?... טיפוס, שיסערייען, הונגער, מאָרד, ווי לאַנג־נאָך וועלן מיר קענען דורכגיין דעם גהינום פון אונדזערע אומבאַשרייבלעכע ליידן און פּיין?

עס גייט מיר נאָך דער קאָשמאַר־בילד פון דעם יינגעלע וואָס איז געשטאַנען און פאַרקויפט שוועבעלעך און פּאַפּיראָסן און א ס.ס.־מאַן האָט א כאַפּ געטאָן דאָס קינד מיט זיין „סחורה", מ'שטיינס געזאָגט, אים אָנגעהויבן שלאָגן מכות רצח מיט אזא מערדערלעכן סאַדיזם, אז דאָס יינגעלע איז געבליבן טויט אין זיינע הענט. דער ס.ס.־באַנדיט האָט אים א שליידער געטאָן אין רינשטאָק, ווי ער וואָלט געהאַלטן אין האַנט עפּעס א שמשור...

די קינדער פון געטאָ זענען געווען די ערשטע קרבנות פון דער דייטשער יידן־אויסראָטונג. זייערע יללות אויף די וועגענער האָבן געריסן די הימלען.

צווישן די ערשטע פון אומקום זענען אויך געווען די בעטלערס, די קראַנקע אין די שפּיטעלער — בפרט עלטערע מענטשן, אָבער אויך יונגערע וואָס זענען געווען אָן ארבעט. האָט זיך יעדער דעריבער באַמיט צו זיין אין אן ארבעטס־

לאַגער. מיינער אַ באַקאַנטער וואָס האָט פריער געאַרבעט אין אַ באַנק איז אַריין אין אַ סטאָלעריי־וואַרשטאַט.

ער האָט מיר דערציילט שפּעטער וועגן די באַדינגונגען ביי וועלכע ער האָט געאַרבעט. און עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין געמיט, וואָס ער האָט מיר געזאָגט וועגן די ווענט וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם אַרבעטס־לאַגער. זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן געווען אויסגעמאָלן, אין אַ ריי ערטער, מיט קליינע בלומען. אז מען האָט זיך אָבער גוט איינגעקוקט אין די „בלומען", האָט מען געזען, אַז דאָס זענען פלעקן פון יידיש בלוט מיט וועלכע די ווענט זענען געוואָרן באַשפּריצט...

דער גאַנצער געטאָ האָט געלעבט אין אַן אַטמאָספער פון אומבאַשרייבלעכער נערוועזיטעט און אָנגעשטרענגטקייט. פון די אויגן האָבן אַרויסגעקוקט שרעק און הילפלאָזע פאַרצווייפלונג. מונדירטע דייטשן פלעגן זיך אַריינרייסן אין די שטיבער, אַרויסשלעפּן פון דאָרט די אָנגעמערקטע יידישע קרבנות און זיי אַרויספירן אויפן גאַס אָדער דערשיסן אויפן אָרט.

„אויסזידלונגס־אַקציעס״

במשך פון געציילטע שעהן זענען ליקווידירט געוואָרן די געטאָס פון אָטוואָצק, פאַלעניץ, מיעדזעשין. אויפן ערשטן פייער זענען געגאַנגען די קינדער פון די יתומים־הייזער און קינדער־אינטערנאַטן. עס איז באַוווּסט די געשיכטע פון דעם קינדער־אינטערנאַט אָנגעפירט דורך יאַנוש קאָרטשאַק, אָט דער גרויסער הומאַניסט, דער איבערגעגעבענער מיט לייב און לעבן דעם אינטערנאַט פון די קינדער, האָט צוזאַמען מיט זיי, מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ, טראָגנדיק צוויי קינדערלעך אויף זיינע הענט, מאַרשירט מיט זיינע קינדערלעך צום אומשלאַג־פּלאַץ. ער האָט מיט זיין בליק באַרואיקט די קינדער, זיי זאָלן נישט דערשפּירן, אַז עס איז זייער לעצטער וועג... ביים אריינשטופּן די קינדער אין וואַגאָן, האָבן די דייטשן געוואָלט דעם וועלט־באַרימטן פּעדאַגאָג לאָזן פריי. אָבער ער האָט זיי דערקלערט, אַז ער וויל גיין צוזאַמען מיט די קינדער און טיילן זייער גורל...

דאָס זעלבע איז געשען מיט די קינדער און דערציער פון דער באַרימטער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין. די לערערס צוזאַמען מיט די קינדער זענען אומגעבראַכט געוואָרן.

דער פריינד ב. האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געווען צוזאַמען מיט פיל יידן אין א שטאַל איבער וועלכן עס האָט געהאַט די אויפזיכט א געסטאַפּאָ־אַגענט. עס זענען אויך געווען קינדער וואָס האָבן צוזאַמען מיט זיי געדאַרפט דע־

פאַרטירט ווערן. דער אַגענט האָט נישט־מיר, נישט־דיר, א פרעג געטאָן א ייִנגעלע צי ער האָט מורא? אומשולדיק, נישט כאַפּנ־דיק זיך, וואָס דער ס.ס.־מאַן איז אויסן, האָט דאָס ייִנגעלע געענטפערט: — יאָ, איך האָב שטאַרק מורא . . . „ווּעסטו מער נישט דאַרפן מורא האָבן" — האָט דער געסטאַפּאָ־זעלנער אים רואיק פאַרזיכערט. ער האָט אַרויסגענומען זיין רעוואָל־ווער און גלייך דערשאָסן דאָס ייִנגל . . .

די ערשטע ידיעות וועגן מאַסן־שחיטות אויף ייִדן און וועגן פאַרגאַזונג האָבן שוין קורסירט אין 1941, אָבער ווער האָט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס איז ווירקלעכקייט?

ערשט נאָכן חורבן איז מיר באַקאַנט געוואָרן, אַז די ענטגילטיקע פאַרניכטונג פון אייראָפּעישן ייִדנטום איז מיט דער דייטשער פּלאַנמעסיקייט צוגעגרייט געוואָרן מיט יאָרן פריער, ווען געבעלס האָט געשריבן, אַז די ייִדן זענען שול־דיק אין אַלע אומגליקן אויף דער וועלט, דעריבער דאַרף מען א סוף מאַכן מיט זיי („די ייִדן זינד שולד"). בעת ער האָט דאָס געשריבן זענען דעמאָלט שוין איבער 4 מיליאָן ייִדן געווען אונטערן נאַצישן שטיוול בלויז אין די לענדער: פּוילן, עסטרייך, טשעכיע און דייטשלאַנד.

היינט ווייסן מיר, אַז די נאַצישע פירער האָבן אָנהייב 1942 אויסגעאַרבעט די לעצטע ריכטליניעס ווי אַזוי אַדורכ־צופירן, אויף א שנעלן אופן, די „ענטגילטיקע לייזונג" פון ייִדישן פאָלק . . .

אין געטאָ האָבן מיר פון די דייטשע פּלענער נישט גע־ווּוסט און נישט געוואָלט גלייבן די קלאַנגען וועגן מען פירט אַוועק אויף „אַרבעט" בעת די דעפּאָרטאַציעס. עס איז געווען א קלאַנג, אַז די 55 טויזנט ייִדן וועלכע מען האָט דעפּאָרטירט

פון לאָדזש אין יולי 1941, זענען אַרויסגעפּירט געוואָרן ער־געץ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג...

אָבער די דייטשן האָבן באַוווסטזיניק געגאַרט דער יידישער באַפעלקערונג, צוגעשטעלט צו די קרובים פון די דעפּאָרטירטע, פאַלשע בריוו, אַז זיי זענען צופרידן פון זייער אַרבעט. דעריבער, ווען מען האָט דורך פּלאַקאַטן גערופן זיך פרייוויליק צו רעגיסטרירן אויף אַרבעט אויסערן געטאָ, האָבן זיך אין די שווערע טויזנטער יידן צוגעשטעלט פרייוויליק מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס...

דער יידישער דורותדיקער בטחון און די צוגעבונדנקייט צום לעבן האָט אויך די שוידערלעכע געטאָ ־ באַדינגונגען פון טעראָר, הונגער און עפּידעמיעס, נישט באַוויזן צו פאַר־ניכטן דעם אָפּטימיסטישן לעבנס־געפיל. מען וועט שוין איבערלעבן די רשעים האָט דער אָפּטימיסטישער אינסטינקט אונטערגעזאָגט יעדן ייד, וואָס האָט זיך מיט ציין און נעגל געראַנגלט פאַר נאָך אַ טאָג און נאָך אַ שעה לעבן. דער גלויבן אין לעבן האָט פאַרטריבן די געדאַנקען פון זעלבסטמאָרד, הגם איך פערזענלעך פלעג יאָ צולאָזן צום געדאַנק (אין פאַר־צווייפלטע מאָמענטן) אָט דעם לעצטן עקסטרעמען רעזערוו צו מאַכן אַ סוף צו די אומדערטרעגלעכע טעג און נעכט.

די דייטשישע אָפּנאַרעריי וועגן די דעפּאָרטירטע יידן האָט אָנגעהאַלטן אויך אָנהייב יאָר 1942, ווען די מאַסן־„אויסזידלונגען" האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשטאַרקן פון טאָג צו טאָג, באַזונדערס, פון מערץ, 1942, ווען די דייטשן האָבן אַרויסגעפירט, כלומרשט „אויף אַרבעט" אין די מזרח־געביטן צענדליקער טויזנטער יידן.

אינזשיניער טשערניאַקאָווס זעלבסטמאָרד...

דער פּאָרזיצער פון וואַרשעווער יודן־ראַט, אינזשיניער טשערניאַקאָוו, האָט אין די ראַמען פון זיינע מעגלעכקייטן, מיט דער דערלויבעניש פון די דייטשן, געעפנט פאַך־קורסן און אַרבעטס־וואַרשטאַטן, אויסגעהאַלטן קינדער־גערטנער און קיכן. ווען די געסטאַפּאָ האָט געפאָדערט פון יודן־ראַט צוצו־שטעלן גרעסערע טראַנספּאָרטן יידן דעפּאָרטירט צו ווערן אויף „אַרבעט", האָט זיך אין טשערניאַקאָווס נשמה צעפלאַקערט אַ טראַגישער קאָנפליקט מיט זיין יידיש־מענטשלעכן געוויסן. און די נאַצישע באַנדיטן האָבן יעדן טאָג געפאָדערט מער קרבנות זאָלן ווערן צוגעשטעלט דורכן יודן־ראַט... די מאַ־קאַברישע דראַמע איז דערגאַנגען צו אַ הויך־פּונקט דעם 21טן יולי, 1942.

אַ טאָג פאַר דעם, האָבן באַטאַליאָנען ליטווינער, לעטן און אוקראַינער איבערגענומען די וואַך ביי די מויערן פון וואַרשעווער געטאָ. דייטשע פּאָליציי איז דעם גאַנצן מעת־לעת ארומגעפאָרן מיט מאָטאָציקלען איבערן געטאָ און אָנגעוואָרפן אַ שוידערלעכן פּחד אויף די צעפּייניקטע געבליבענע יידן. נייע גזרות האָבן געהאָנגען אין דער לופטן פאַר זייערע אויגן. אָבער די הויך־פּונקטן פון דער טראַגישער דראַמע האָבן זיך אָפּגע־שפּילט אין דעם בנין פון דער גמינע, וואָס איז פון סאַמע פרימאָרגן געווען ארומגערינגלט פון ס.ס.־לייט.

זיי האָבן אויפגעפאָדערט דעם פאָרזיצער פון קהילה־ראַט אינזשיניער טשערניאַקאָוו, ער זאָל גלייך צונויפרופן אַלע ראַט־מיטגלידער אויף אַן אויסעראָרדנטלעכער זיצונג. די ס.ס.־באַנדיטן האָבן געוואַרט ביז אַלע זענען זיך צוזאַמענגעקומען און זיי גלייך אַוועקגעפירט אין די פּאָליציייאישע אויטאָס אין דער „פּאַוויאַק”־טורמע. ס'רוב פון זיי האָט מען שפּעטער באַפרייט און די איבעריקע פאַרהאַלטן אַלס משכנות און דראָונג, זיי זאָלן וויסן, וואָס עס דערוואַרט דעם יודן־ראַט, אויב ער וועט נישט אויספירן אַלע באַפעלן פון געסטאַפּאָ.

אויף צומאָרגנס, דעם 22טן, זענען ווידער געקומען די ס.ס. מיט דער פאָדערונג צונויפצורופן די באַפרייטע קהילה־ראַטמענער תיכף־מיד אין זיצונג־זאַל. דאָרט איז געלייענט געוואָרן די פאַראָרדענונג וועגן „דעפּאָרטירן די יידן פון וואַרשע” און אַז די יידישע קהילה איז פאַראַנטוואָרטלעך צו־צושטעלן די טעגלעכע גרויסע טראַנספּאָרטן אויף „אַרבעט”... אין דעם טאָג זענען דעפּאָרטירט געוואָרן אַלע פערזאָנען פון די מושב־זקנים, פון די יתומים־הייזער און אויך אַלע אַרעסטירטע יידן. אָבער דאָס איז נאָך אַלץ געווען ווייניק פאַר די דייטשע אויסוואורפן!

דעם 23טן יולי, פאַרנאַכט־צייט, זענען אַריינגעקומען צוויי מונדירטע דייטשן אין גמינע און געוואָלט זען טשערניאַקאָוון. ער האָט זיי אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט.

וואָס ער האָט מיט זיי גערעדט איז אומבאַקאַנט, ווייל נאָך זייער אַוועקגיין איז ער גלייך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד... ער האָט נאָר איבערגעלאָזט אַ בריוו פאַר זיין פרוי און אויך נאָטיצן פון וועלכע מען קען זען, וואָס די ס.ס. האָבן געפאָדערט פון אים בעת זיין לעצטן געשפּרעך מיט זיי.

די דייטשן האָבן אים אויפגעפאָדערט ער זאָל פאַרגרע־



די וואַרשעווער גמינע אויף גזשיבאָווסקי

סערן די צאָל דעפּאָרטירטע פון 6 טויזנט אויף 10 טויזנט טעגלעך. דעמאָלט האָט ער זיך דעצידירט צו נעמען ציאַנקאַלי.

נאָך זיין טויט האָבן די דייטשן נאָמינירט אויף זיין אָרט דעם אינזשיניער ליכטענבוים, און געצוווּנגען דעם יודן־ראַט ארויסצוגעבן פאָלגנדע מעלדונגען וועגן די דעפּאָרטאַציעס:

(1) היות, ווי צווישן יידן אין ווארשע קורסירן פאַלשע קלאַנגען וועגן דעם ציל פון דעפּאָרטאַציעס, איז דער קהילה־ראַט באַפולמעכטיקט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט מודיע צו זיין, אז דאָס ארויספירן די אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן פון ווארשע באַטייט ווירקלעך נאָר צו באַזעצן זיי אין די מזרח־געביטן.

(2) דער ריכטיק־פארשטאַנענער אינטערעס פון דער יידישער באַפעלקערונג אין ווארשע, פאָדערט, אז די פּערזאָנען וואָס דארפן ארויסגעשיקט ווערן זאָלן זיך פרייוויליק מעלדן אויף דעם זאַמל־פונקט סטאַווקי, 2/6.

(3) די איבערזידלונגס־אַקציע מוז פארענדיקט ווערן צום אָנגעוויזענעם טערמין. דעריבער פאָדערט דער קהילה־ראַט אויף די אַלע וואָס דארפן דעפּאָרטירט ווערן, זיי זאָלן זיך נישט גיין אויסבאַהאַלטן, מחמת דאָס וועט נאָר שווערער מאַכן די אויפגאַבע.

לויט די געקראָגענע צוזאָגן וועלן די פאַמיליעס פון די וואָס וועלן זיך פרייוויליק צושטעלן נישט צעטיילט ווערן.

אונטערגעשריבן דורכן: „ראַט פון דער יידישער קהילה".

אָט דעם אויפרוף פון 24טן יולי 1942 (וועלכן טשערניאַקאָוו האָט נישט געוואָלט אַקצעפּטירן בעת זיין לעצטן אינטערוויו מיט די דייטשן און צוליב דעם א סוף געמאַכט מיט זיין לעבן) איז מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן געוואָרן דורך

דער גאַנצער יידישער געזעלשאַפט. אַלע אינסטיטוציעס, אַן אויסנאַם, ווי די קאָאָפּעראַטיווע באַנק, דער האַנטווערקער פאַראיין, געזונטהייט־געזעלשאַפט, „זעלבסט־הילף" און אַנדערע האָבן באַיקאַטירט די פאַראָרדענונגען פון דער קהילה.

די גרענעצן פון וואַרשעווער געטאָ האָבן זיך כסדר גע־ביטן, זינט די דייטשן האָבן אָנגעהויבן ארויסשיקן די יידן אין די טויט־לאַגערן. די גרויסע אויסזידלונגען פון יולי ביז סעפּטעמבער, 1942, האָבן שטאַרק איינגעקורטשעט דעם געטאָ־שטח. הייזער זענען געוואָרן אויסגעליידיקט. מען האָט זיי גערופן די „טויטע הייזער". די געגנט פון גזשיבאָוו איז געוואָרן א קליינער געטאָ. די וואָרשטאַטן פון טעבענס און שולץ זענען געוואָרן א „קליין געטאָ".

טעבענס, א היטלער־דייטש, האָט אויך געהאַט פאַבריקן אין דעם גרויסן געטאָ. ער האָט געהאַט א געהילף וועמען מען האָט גערופן „יאַן", וואָס האָט געקענט רעדן יידיש און פלעגט אַגיטירן, אַז יידן זאָלן ארויספאָרן פרייוויליק . . .

די אָפּנאַרערישע בריוו, וואָס די דייטשן האָבן צוגע־שטעלט, כלומרשט, פון די דעפּאָרטירטע, אַז זיי לעבט זיך גוט „ערגעץ־ווו" אין די אַרבעטס־לאַגערן, האָבן געהאַט א ווירקונג אויף די אויסגעמוטשעטע יידן אין געטאָ. אָנגע־שראָקן צום טויט, אויסגעהונגערט ביז צום ביין האָט מען געלאָזט זיך אָפּנאַרן, און צענדליקער טויזנטער האָבן זיך פריי־וויליק געמאָלדן צום אומשלאַג־פּלאַץ. די דייטשן האָבן זיי געטיילט ברויט און מאַרמעליאַדע . . . אמת, נישט אַלע האָבן זיך געלאָזן פאַרפירן דורך דעם גרויסן שווינדל צו פאָרן אויף „אַרבעט".

בעת די גרויסע איבערזידלונגס־אַקציעס (יולי—סעפּטעמ־בער, 1942), האָבן פיל יידן געפּרוווט אַריבערגיין אויף דער

ארישער זייט, סיי די וואָס האָבן נאָך געהאַט מאַטעריעלע מיט־לען, און אויך די וואָס האָבן יאָרן־לאַנג געהאַט באַציונגען (פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע, אָדער פריינדשאַפטלעכע) מיט פּאָליאַקן.

הויז־אייגנטימער האָבן אויסגעזוכט זייערע פריערדיקע סטרוזשעס מיט וועלכע זיי זענען געווען נאָענט צענדליקער יאָרן, אָבער די מערהייט האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן שוץ און הילף זייערע יידישע פריינד דורך פאַרשידענע אויסריידן.

עס זענען געווען אויסנאַמען — זעלטענע — ווען אַ פּאָ־ליאַק האָט אַליין געזוכט זיין יידישן אַלטן פריינד, און צו די דאָזיקע אויסנאַמען האָב איך אַליין טאַקע געהערט.

איך האָב שוין פריער דערמאָנט, אַז איך האָב פאַרן קריג געהאָלפן דער סטרוזשקע פון אונדזער הויז, איר מאַן זאָל באַקומען אַן אַרבעטס־פּלאַץ און אירע זין — זייער מוזי־קאַלישער אויסבילדונג. זי האָט עס פאַרגעדענקט אין די צייטן פון אונדזער גרעסטן פּיין און געזאָגט צו אירע זין: — מאַר־סעל (אַזוי האָבן זיי מיך גערופן ביים ערשטן נאָמען) איז געווען גוט צו אונדז אין צייטן פון נויט. ער איז אַ גוטער מענטש מיט אַ וואַרעם האַרץ און מיר האָבן אים אַ סך צו פאַרדאַנקען, דאַרפן מיר איצט נעמען די ריזיקע צו ראַטעווען זיין לעבן.

איר זון האָט מיך אַרומגעזוכט אַ לענגערע צייט און דורך אַ גליקלעכן, פּאַר מיר צופאַל, מיך געטראָפן אין אַ מצב, ווען מיינע מלבושים זענען געווען אויסגעשמירט אין שמוץ (פון אויסבאַהאַלטן זיך אין אַן אוביקאַציע) און אויסגעזען האָב איך דאַן, — אַ טויטן לייגט מען אַ שענערן אריין אין דער ערד...

נישט קוקנדיק אויף מיין שרעקלעכן צושטאַנד האָט ער

זיך הארציק ארומגעכאַפּט מיט מיר און אוועקגעפירט צו זיין מוטערס וווינונג, ווו איך זאָל זיך קענען דערוויילֹ אויסבאַהאַלטן ווי לאַנג עס וועט זיין נאָר מעגלעך.

זיי האָבן מיר געהאָלפן זיך ארומוואַשן פון שרעקלעכן שמוץ, געגעבן מיר אַנדערע מלבושים, גוט אָפּגעגעסן — נאָך לאַנגע הונגער־טעג — און אריינגעלייגט מיך אין בעט.

איך האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן קומען צו זיך, צוריק צו א מענטשלעכן אויסזען און צו זיין אין א מענטשלעכער דירה מיט א בעט און מיט לייטיש אָפּעסן — אָט דער נס וואָס האָט אָקאָרשט פּאַסירט מיט מיר, האָט מיר אויסגעזען פאַנטאַסטיש, ממש אומגלויבלעך, אז דאָס איז אַלץ רעאַל.

צו באַגרייפן די אומדערוואַרטעטע ענדערונג, וואָס האָט דעמאָלט געראַטעוועט מיין לעבן, מוז איך זיך אומקערן צו די געשעענישן אין מיין לעבן אין 1942, ווען איך בין געלאָפן ווי א געיאָגטער שטשור פון איין נאָרע אין א צווייטער און נישט געהאַט קיין פּלאַץ זיך אויסצובאַהאַלטן פון די ס.ס.־באַנדיטן. וויפל מאָל איז מיין איינציקער רעטונגס־אָרט געווען אַן אָוביקאַציע פון דעם אומסאַניטאַרסטן פּוילישן שטייגער!...

יענע צייטן ווען מיר האָבן געקענט וווינען אין א צימער אין געטאָ און אריינשמוגלען נאָך פון דער אַרישער זייט א האַלב שוואַרצן ברייטל, עטלעכע קאַרטאָפל, טיילמאָל אפילו א שטיקעלע פּוטער און קעז — יענע צייט האָט שוין איצט אויסגעזען לעגענדאַריש און פרע־היסטאָריש . . . דאָס רעאַלע איז איצט געווען צו שטיין 4 טעג נאָכאַנאַנד אין שמוץ פון . . .

דער גורל האָט געוואָלט איך זאָל ארויסקומען פון אַלע גיהנומס, און פון די ארבעטס־לאַגערן, און נישט ווערן אויסגעליפערט צו די ס.ס.־לייט.

אין איין לאַגער איז דער אָנפירער געווען א געוויסער פּאַן לעסיקאַ, א נאַצי־מאַן, וואָס האָט געשטאַמט פון פּאַביאַ־ניץ. אויך ער האָט נאָך מיט איינזען מיך באַהאַנדלט, אפשר דערפאַר, וואָס פאַרן קריג האָט מיין שוואָגער, מר. מילשטיין, געקענט אים פון דער געהילץ־בראַנזשע און זיי האָבן זיך אין מסחר אָפט געטראָפן ביי וואַלד־מעסטונגען.

ער האָט אָבער געהאַט א געהילף, איז דאָס געווען א גרויזאַמער, נאַצישער רשע, וואָס פלעגט כסדר אונדז זאָגן: „איך וועל פון אייער הויט מאַכן אַבאַזשורן"... מיר האָבן פון אים קיין גוטס נישט דערוואַרט...

איז אונדז געשען א נס, וואָס לעבן לאַגער האָט א געוויסע וויים־רוסישע פרוי, א פירשטין, געהאַט א שטיקל ביזנעס. זי איז געווען א הומאַניטאַרער מענטש און האָט פיל מאָל געהאָלפן ארויסצוגעמען פאַרשידענע מענטשן פון אונדזער לאַגער, אין סאַמע סכנה, ווען מען האָט זיי געהאַלטן ביים אַוועקשיקן אין די גאַז־קאַמערן.

זי איז געווען א סטודענטין אין ווינער אוניווערסיטעט און דאָרט געלערנט מיט דעם שעף פון וואַרשעווער געסטאַפּאָ, הער סטאַבענאָוו.

איר באַקאַנטשאַפט מיט אים האָט אָנגעהאַלטן אויך שפּעטער אין אָקופּירטן פּוילן און איר הילף פאַר א ריי מענטשן פון אונדזער אַרבעטס־לאַגער, וואָס זענען א דאַנק איר אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אומקום איז נישט אָפּצושאַצן!

צוליב איר נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיטן וואַרשעווער געסטאַפּאָ־שעף, איז זי געוואָרן, מסתמא, אומגעבראַכט דורך דער אונטערערדישער פּוילישער באַוועגונג.

אין דעם לאַגער איז געווען א געוויסער פּאַן וואַלטער, וועמענס פאָטער איז געווען דירעקטאָר (פאַרן קריג) פון דער

„פרודענטשל אינשורענס קאָמפּאַני" אין ווארשע. די קאָמפּאַני האָט געהאַט א ריזיקן בנין פון 25 שטאָק און איז געווען גוט באַוווּסט אין ווארשע. איך האָבן געוווּסט, אז דער יונגער וואַלטער איז אין זיינע סטודענטישע יאָרן געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט און פלעגט שטאַרק דערגיין די יאָרן די יידישע סטודענטן און סטודענטקעס, אָבער גראָד אין דעם לאַגער, ווי איך בין צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע יידן באַהאַנדלט גע־וואָרן אויף אַן אוממענטשלעכן אופן, איז וואַלטער דער אַנטיסעמיט געוואָרן מיינס א פריינד.

געשען איז דאָס ביי א גלעזל משקה אין לאַגער. וואַלטער און זיינס א קאָלעגע, אַ יונגער גלח — האָבן זיך פאַרגעשטעלט ווי פאָלקס־דייטשן, און דער נאָמען וואַלטער איז דאָך א דייט־טשישער — האָבן זיי געקענט אַנגיין פאר דייטשן. איך האָב אים געזאָגט, אז ער וועט טאָן שלעכטס זיינע עלטערן, וואָס זענען דאָך זיכער נישט אַנטי־ענגליש, אז זיין גרויסע שנאה צו יידן (און זיין נאָמען בפרט) צוזאַמען מיט זיין פריינדשאַפט צו די היטלער־דייטשן וועט זיך שפּעטער שטאַרק נוקם זיין אין זיין פאַמיליע . . . פאַרוואָס זאָל ער איצט נישט טאָן אַ גוטע טאַט און דערמיט העלפן שפּעטער זיינע עלטערן צו בלייבן לעבן ? . . .

איך האָב א סך אריינגערעדט אין אים און מיינע ווער־טער האָבן געהאַט א פעולה ! ער איז געוואָרן עפּעס פּלוצ־לונג א געענדערטער מענטש, האָט אָנגעהויבן א סך טרינקען און היסטעריש זיך פונאַנדערוויינען אָפט אויפן קול . . . ער און זיין פריינד (דער גלח), האָבן געזוכט מיט וואָס נאָר מעג־לעך צו העלפן דעם פּוילישן אונטערגרונט און בכלל געפּרוּווט טאָן גוטע זאַכן פאר אונדז.

איין מאָל איז ער געקומען צו מיר און געוויזן א בריוו

פון דער געסטאַפּאָ, פון וועלכן מ׳האָט געקענט ארויסדרינגען, אַז זיי גייען שוין פארבייטן אין לאַגער די יידן אויף פּאָליאַקן. אַ ליאַדע טאָג וועלן זיי צונויפזאַמלען אַלע יידן פון לאַגער און אוועקפירן אין נאָענטסטן וואַלד, ווו עס געפינען זיך שוין אויסגעגראָבענע גריבער צו פארענדיקן אונדזערע לעבנס מיט קוילן און שפּעטער וועלן זיי אונטערצינדן אונדזערע דער־שאָסענע קערפּערס...

וואַלטער האָט געזוכט אונדז צו העלפן. דאָס ערשטע וואָס ער האָט געטאָן איז געווען גאָר ריזיקאַליש! ער האָט ארויסגעגנבעט „קענקארטן" און געמאַכט פאר אונדז אידענ־טיטעט און ארבעטס־קארטן... אַזאַ מיין קארטע געפינט זיך נאָך היינט אין מיין ארכיוו.

דאָס צווייטע וואָס ער האָט פאר אונדז געקענט טאָן, איז, מיר זאָלן אַנטרינען ווערן איידער מען גייט אונדז רופן אויף אַ לעצטער „צונויפזאַמלונג"...

אָבער וווהין לויפט מען? עס איז לייכט צו זאָגן לויפן פון אַ לאַגער, וואָס איז באַהיט פון אַלע זייטן. ווי אַזוי קען מען לויפן און בלייבן לעבן?.... דאָך זענען אַלע יידן אַנטלאָפן פון לאַגער, אָבער איך האָב נישט געקענט לויפן, מחמת מיט מיר איז אויך געווען מיין יונגערע שוועסטער און זי האָט געשוואַנגערט. עס איז געווען אוממעגלעך איר אַנט־לויפן. האָב איך באַשלאָסן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שטאַל און זען וואָס מיט איר וועט געשען. איך האָב טאַקע געזען ווי די פּאָליציי איז געקומען און זי אוועקגעפירט אין אַ קעטשל אין געטאָ אריין.

דעמאָלט בין איך אַנטלאָפן, ארויסגעשפּרונגען דורך אַ פענצטער און געלאָזט זיך אין אַן אומבאַקאַנטן וועג... איך האָב זיך גענומען באַהאַלטן אין הינטער־הייפן פון איין הויף

אין א צוויטער. די ס.ס. איז גראָד ארומגעגאַנגען דעמאָלט זוכן איבער די גאַסן און הייזער.

עס איז געווען צו ריזיקאַליש מיין זוכן אין א הויף א מקום־מיקלט, בין איך ארויף אויף א בוידעם, ווּ מען האָט געטריקנט וועש און איך האָב זיך אויסבאַהאַלטן אין א ווינקל. פארביי מיר זענען געלאָפן מייז און שטשורעס און כ'האָב זיך נישט גערירט פון אָרט ביז די פּאַליאַקן, וואָס האָבן גע־ווינט אויפן אויבערשטן גאָרן האָבן מיך געפונען אויסבאַהאַלטן.

איך האָב נאָך געהאַט מזל אָנצוטרעפן אויף גוטע מענטשן! זיי האָבן זיך מרחם געווען אויף מיר און געגעבן עפּעס צו עסן. קיין סך האָב איך נישט באַדאַרפט. א שטיקל ברויט און א טרונק וואַסער האָט מיך געשטעלט אויף די פיס און איך בין ארויס אין גאַס. איך האָב אויפגעזוכט עטלעכע פריינד צו דערוויסן זיך ביי זיי דעם גורל פון מיין שוועסטער.

פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט ווּ עס געפינט זיך איר מאַן, מיין יונגערער שוואָגער. איך האָב אים אויסגעזוכט, וואָס איז אויך נישט געווען לייכט, און ער האָט מיר דער־ציילט, אז מיין שוועסטער געפינט זיך אינעם שפּיטאָל פון געטאָ. דאָס קינד וואָס זי האָט געטראָגן איז דורך אן איינ־שפּריצונג געטויט געוואָרן . . .

דער גורל פון מיין שוואָגער איז געווען זייער טראַגיש. ער האָט זיך געפונען אין געטאָ געיאָגט און געפּלאָגט טאָג און נאַכט פון די ס.ס. איין מאָל ווען די דייטשן האָבן אים שיער נישט געכאַפּט אין א הויז, וואָס זיי האָבן ארומגערינגלט, איז ער ארויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער און גלייך אויפן אָרט געהרגעט געוואָרן. געווען איז דאָס אין 1942.

פון מיינע פריינד האָב איך זיך דערוווּסט וועגן מיין

אַנדערן שוואָגער און מיין שוועסטער, וואָס האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אויסערן געטאָ ביי זייערע באַקאַנטע פּאָליאַקן.

איין פּוילישער פריינד זייערער, מיטן נאָמען לאַטשינסקי, האָט פאַר זיי איינגעאָרדנט א געהיימען אויסבאַהאַלט אין א צימערל פאַרשטעלט מיט א וואַנט.

זייערע באַקאַנטע פּאָליאַקן האָבן זיך פאַרנומען מיט בראָנפן און מיין שוואָגער איז באַלד אריין אין די ביזנעס...

פאָרגעקומען איז עס אויף אַזאַ אופן: א פּראָפעסאָר פון פּאָליטעכניקום אויף פּאָלנע גאַס האָט אונטערן פּאָליטעכניקום געהאַט א קעלער, ווו ער און זיינע פריינד האָבן געטריבן בראָנפן, גענאָסן אין פלעשער און זיי פארקויפט אין די רעס־טאָראַנען. דאָס פּיקאַנטסטע דערביי איז געווען, וואָס די דייַ־טשישע אָפיצירן האָבן געהאַט זייער הויפּט־קוואַרטיר אין דעם זעלבן פּאָליטעכניקום, ווו עס האָט געאַרבעט דער פּראָפעסאָר. אויבן זענען געווען די דייטשן און אונטן אין קעלער איז אָנגע־גאַנגען אַן אונטערערדישע טעטיקייט...

דער דערמאָנטער לאַטשינסקי האָט געהערט צום פּוילישן אונטערגרונט און געהאַט פאַרשידענע קאָנטאַקטן און ער האָט אויסבאַהאַלטן אין איינעם פון זיי מיין שוואָגער און שוועסטער.

מיין שוואָגער איז גלייך געוואָרן פאַרבונדן מיט דעם בראָנפן־געשעפט, דאָס ווייזט זיין חוש פאַר ביזנעס אפילו אין יענע טראַגישע באַדינגונגען! אין א וווינונג אויף וואַליץ פלעגט דער בראָנפן גענאָסן ווערן און מיין שוואָגער פלעגט ארויפ־קלעפּן די עטיקעטן פון א „פירמע”.

די באַהעלטעניש ווו מיין שוואָגער און שוועסטער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן איז געווען גאָר קונציק פאַרמאַסקירט. עס איז געמאַכט געוואָרן לעבן א וואַנט וואָס איז געווען דעקאָרירט מיט טעפּיכער...

מיין שוואָגער חיים מילשטיין

אַלץ איז געגאַנגען כשורה, ביז מען האָט דערטראָגן צו דער געסטאַפּאָ, אַז אין דעם הויז באַהאַלטן זיך אויס יידן. זענען די דייטשן געקומען זוכן... אָבער לאַטשינסקי האָט זיך באַוויזן אַרויסצודרייען פון חשד, דערציילנדיק דעם סוד, אַז ער מאַכט בראָנפן. ער האָט גערעדט מיט זיי דייטש, וואָס איז אין אַזאַ פאַל געווען אַ גוטע סגולה און צו דעם יעדן איינעם פון די דייטשן מכבד געווען מיט אַ פלעשל בראָנפן.

זיי זענען אַוועק דאָס מאָל אָן אַ רעוויזיע, אָבער פאַרזי־כערט, אַז זיי וועלן קומען נאָך אַמאָל פעסטצושטעלן צי די אָנ־קלאַגע פון אויסבאַהאַלטן יידן איז טאַקע אַ פאַלשע.

זיי האָבן געהאַלטן וואָרט און נאָך אַמאָל געקומען טאַקע, גאָר אין גיכן, אויף אַ צווייטן באַזוך, וואָס איז צוגעגאַנגען גאָר אַנדערש ווי דער ערשטער.

ביים צווייטן „וויזיט" האָבן די דייטשן דורכגעפירט אַ שטרענגע רעוויזיע אין יעדן צימער, אויך אין דעם צימער, וואָס איז געווען באַדעקט מיט טעפּיכער. צום גליק זענען ביי איין וואַנט געווען פּאָליצעס מיט ביכער. ווען זיי האָבן בעת זייער זוכן ביי דער וואַנט פון די ביכער גאָרנישט געפונען, האָבן זיי שוין נישט געגעבן זיך די מי צו זוכן ביי דער צווייטער וואַנט מיט די טאַפּעטן.

מען קען זיך פאָרשטעלן די טויט־שרעק ביי די זעקס יידן וואָס זענען געשטאַנען פון דער צווייטער זייט וואַנט און מיט אָן אָפּגעשטעלטן אָטעם זיך צוגעהערט וואָס עס קומט פאָר...

איך האָב פריער געשילדערט, ווי אַזוי אונדזער געוועזענע סטרוזשקעס זון האָט מיך געבראַכט צו זיי אין הויז. נאָכן קומען אביסל צוריק צו די כוחות, האָב איך באַשלאָסן צוריק צו גיין אין געטאָ און אויסזוכן מיין פרוי.

נאָך עטלעכע טעג זוכענישן האָב איך אויסגעפונען ווו

מיין שוועסטער יעטאַ מילשטיין

זי באַהאַלט זיך אויס און עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַר אונדז דער שווערער פּראָבלעם מיר זאָלן ביי אונדזער סטרוזשקע קענען האָבן אַן אָרט פאַרביידע. זי זאָל באַשטיין אונדז ביידע אויסצובאַהאַלטן...

עס איז נישט געווען די פראַגע פון קענען ארויסבאַקומען זיך פון געטאָ.

אויף דעם געביט האָב איך שוין געהאַט אַ סך דער־פארונגען. איך האָב געאַרבעט אין פאַרשידענע לאַגערן אויסערן געטאָ — איינעם פון זיי האָט מען גערופן „אייזנבאַן־לאַגער״— זיך געטראָפן מיט מענטשן אין אַ ריי לאַגערן, וועלכע האָבן אויפגעהערט צו עקזיסטירן, אָבער מיר האָבן געהאַט פון זיי „פּאַסיר־שיינען״, וואָס מיר האָבן אויסגענוצט צו העלפן מענטשן ארויסצובאַקומען זיך דורך זיי פון געטאָ, הגם דאָס איז אויך געווען פאַרבונדן מיט ריזיקאַלישע שריט...

מיר האָבן אַ סך יידן געהאָלפן אריבערצוגיין אויף דער אַרישער זייט, אָבער דאָרט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער גיהנום צוליב די „שמאַלצאָווניקעס״, וואָס האָבן מיט זייער שאַנטאַזש געצווונגען פיל יידן זיך אומצוקערן צוריק אין געטאָ.

מיר גופא האָבן געהאַט די פּערספּעקטיוו פון קענען זיין ביי דער סטרוזשקע. געווען איז נאָר איין צימער און צוויי בעטן. בין איך מיט מיין פרוי געשלאָפן אין איין בעט און די מאַמע מיטן זון אין דעם צווייטן; אָבער אין דער פרי האָט מען מיין פרוי געמוזט צודעקן אין גאַנצן, טאַקע פון קאָפּ ביז די פיס! מען האָט איר געגעבן אַ שטרוי אין מויל, זי זאָל קענען אָטעמען. איך, ווידער, בין געלעגן אונטערן בעט פאַרדעקט מיט אַלטע אייזנס און אָפּפאַל... עס איז געווען זייער שווער אויסצוהאַלטן אָט די לאַסט, אָבער דער אינסטינקט פון לעבן

האָט געגעבן כוח דורכצוטראָגן זאַכן וואָס זענען אוממעגלעך געווען...

איך האָב געבעטן אונדזער רעטערין צו האַלטן בייטאָג אָפן די טיר און פענצטער, ווייל דער נאָענטסטער שכן איז געווען א דעטעקטיוו ביי דער דייטשער פּאָליציי. ווען ער פלעגט ביי־נאַכט קומען אהיים פון דער אַרבעט, פלעגט ער זיך באַרימען פאַר אונדזער קריסטין וויפל יידן („קעץ") ער האָט געכאַפּט אין דעם טאָג...

איך האָב יעדן טאָג געהערט די נייעס, און געבעטן אונ־דזער קריסטין זי זאָל זיין זייער פּאָרזיכטיק און נישט קויפן אין איין קראָם פּראָדוקטן פאַר אונדז אַלע. זיי ווייסן דאָך וויפל שפּייז זי דאַרף האָבן פאַר איר פאַמיליע, וועט גלייך דאָך ווערן פאַרדעכטיק, אז זי באַהאַלט, מסתמא, אוים ביי זיך יידן.

די ס.ס.־לייט פלעגן אויך אָפט אַריינפאַלן צו דערשנאַפּן עפּעס. מיר האָבן געהערט זייערע רייד און ביי יעדן באַזוך פון זיי פלעגט אונדז די נשמה ארויספליען. דאָך האָבן מיר כסדר געהאַט מזל און גוט אָפּגעשניטן, לויפנדיק טאָג און נאַכט פון איין באַהעלטעניש אין דער צווייטער, געיאָגטע פון אָרט צו אָרט, ווי פאַרסמטע מייז, האָבן מיר באַוויזן נישט געכאַפּט צו ווערן! דאָס איז צוגעגאַנגען די גאַנצע צייט ביז די רוסישע ארמיי אין אריין קיין וואַרשע.

אָבער ביז די סאָוויעטן האָבן אונדז באַפרייט, האָב איך נאָך דורכגעמאַכט א לאַנגן מאַרטיראָלאָגישן וועג פול מיט פּיין און יסורים און טאַקע על פּי נס אויסגעהאַלטן אַלע פּאַזעס פון נאַצישן גיהנום ביז דער באַפרייאונג.

איך וועל אין די וייטערדיקע קאַפּיטלען שילדערן אונדזער גאָלגאָטאַ־וועג אויך בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע. דערווייל האַלטן מיר נאָך א שטיק צייט פאַרן אויפשטאַנד,

מיליאָנען יידן זענען אָבער שוין געווען דעמאָלט פאַרוואַנדלט אין אַש און צווישן זיי די נאָענטסטע מיינע פון מיין פאַמיליע, און מיינע גוטע פריינד מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין געטאָ און אין די ארבעטס־לאַגערן.

זיכער איז די פיזישע רעטונג פון פיל יידן, וועלכע האָבן געזוכט זיך צו ראַטעווען אויף דער ארישער זייט, געווען אָפּ־הענגיק — א חוץ פון מזל — פון דער אינדיווידועלער באַ־ציִונג און איינשטעלונג פון די פּאָליאַקן צו זייערע יידישע פריינד, און די איינשטעלונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף פאַרשידענע פלאַכן, וואָס האָבן זיך כסדר געענדערט.

ווידער אין געטאָ און אין די ארבעטס־לאַגערן איז נאָך צוגעקומען די פּלאָג פון דער יידישער פּאָליציי.

יידישע פּאָליציאַנטן

עס זענען געווען פאַרשידענע מענטשן אין דער יידישער פּאָליציי — גוטע און רשעים. מער שלעכטע ווי גוטע. עטלעכע אילוסטראַציעס: מיין פריינד ד. איז געווען שוין אויפן וואָגן אויפן וועג צום אומקום און א יידישער פּאָליציאַנט האָט א זאָג געטאָן צו אים: — אויב דו קענסט זיך ראַטעווען — טו עס. ער איז טאַקע אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און דער פּאָליציאַנט האָט זיך געמאַכט, אז ער זעט נישט. איך ווייס פון נאָך אַנדערע פאַלן, ווו יידישע פּאָליציאַנטן האָבן געהאַנדלט גאָר מענטש־לעך, אָבער דאָס זענען, ליידער, נאָר פאַראיינצלטע אויסנאַמ־פאַלן.

אין אַלגעמיין האָבן די יידישע פּאָליציאַנטן אין געטאָ אריינגעשריבן איינע פון די שענדלעכסטע קאַפּיטלען — ווי מיטהעלפער פון די נאַצים אין דער אויסראָטונג פון יידן. איך וועל דאָ ברענגען ביישפּילן פון באַגלויבטע עדות:

מ. און ר. האָבן מיר דערציילט שוידערלעכע זאַכן פון דער יידישער פּאָליציי וואָס האָט רעקרוטירט די ערגסטע עלעמענטן פון אַלע שיכטן: סיי די וואָס האָבן געשטאַמט פון דער פאַרמלחמהדיקער פּוסטער „גאָלדענער יוגנט", סיי די וואָס איז געקומען פון דער אונטערוועלט. עס איז סימפּטאָמאַטיש, אַז די „אויבערוועלט" און די „אונטערוועלט" האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן ביי דער געמיינזאַמער שענדלעכער טעטיקייט מיט וועלכער ער איז פאַרבונדן דער נאָמען פון דער יידישער פּאָליציי.

עס האָט דערציילט אַ פרוי וואָס איז געווען אין דעם לאַגער פּלאַשעוו, לעבן קראָקע. דאָרט האָט ארומגערודערט אַ געוויסער ווילהעלם כילאָוויטש, וואָס איז געווען דער פירער פון דער יידישער פּאָליציי. ער האָט געשטאַמט פון דער קראָקעווער אונטערוועלט און געהאַט אין לאַגער אַ גרויסע מאַכט איבער מענטשן. מען האָט אים שרעקלעך געהאַסט און שרעקלעך מורא געהאַט פאַר אים, ווייל ער האָט פיל לאַגער־מענטשן אוועקגעשיקט צום טויט.

אונטער זיין אָנפירונג האָט די יידישע פּאָליציי באַרויבט אַלע חפצים, וואָס מען האָט נאָר מיטגעבראַכט מיט זיך פון געטאָ אין קראָקע אין פּלאַשאָווער לאַגער אריין. פון דער רויבערישער אַקציע האָט ער זיך צעטיילט מיטן שעף פון דער ס.ס. — אַמאָן געט.

ביידע רויבער האָבן געמאַכט גרויסע פאַרמעגנס פון יידיש האָב־און־גוטס. כילאָוויטש פלעגט מיט אַ רייט־בייטש ארומגיין איבערן לאַגער און שלאָגן אומברחמנותדיק יעדן, וואָס איז

אים אונטערגעקומען אונטער דער האַנט. זיין סאַדיזם און ברוטאַלקייט איז נישט צו באַשרייבן. עס האָט אויסגעזען, אַז די געשרייען פון די געשמיסענע פאַרשאַפן אים אַ גרויסן פאַרגעניגן.

זיין סוף, ווי עס איז בכלל געווען דער סוף פון די יידישע משרתים ביי די נאַציס, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קויל אין קאָפּ, און דערשאָסן האָט אים זיין שותף אַמאָט געט, וואָס האָט געוואָלט פטור ווערן פון אים, מחמת ער האָט צופיל געוווּסט פון זייערע בשותפותדיקע, פינצטערע עסקים... די געשיכטע פון כילאָוויטשן איז נאָר איין אילוסטראַציע פון אַ סך.

איך האָב אליין געזען, ווי אַזוי יידישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך געיאָגט נאָך די אַנטלויפנדיקע יידן, געשלעפּט און גע־שלאָגן זיי מכות רצח. אמת, פיל האָבן עס געטאָן, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט פאַר זייער אייגענער הויט. די ס׳ס׳־לייט האָבן אָנגעפירט מיט זיי און די יידישע פּאָליציי האָט געוואָלט ווייזן ווי אייפערדיק זי דינט דעם באַלעבאָס... אָבער דאָס קען נישט געבן קיין שום אַליבי דעם יידישן פּאָליציאַנט, וואָס האָט אָנגענומען אויף זיך אויסצופירן אַזאַ מיאוסע ראָל און העלפן די באַנדיטן אין זייערע שחיטות אויף יידן

העניעק ז. האָט אין זיין פּאָליצייאישער טעטיקייט אַרויס־געוויזן אַ היפּער־חיהשן סאַדיזם. ער האָט געשטאַמט פון אַ רייַ־כער יידישער פאַמיליע. דער פאָטער זיינער איז געווען פאַרן קריג אַ גרויסער פאַבריקאַנט און זיין בן־יחיד האָט געהערט צו דער ליידיק־גייערישער „גאָלדענער יוגנט”, צו די וואָס פלעגן פאַרטאַכליעווען דעם טאַטנס אוצרות אויף קאַבאַרעט־מיידלעך, אויף הוליאַנקעס און קאָרטן...

אין געטאָ איז ער געוואָרן אַ פּאָליציאַנט, איינער פון די

ערגסטע און ברוטאַלסטע מיט אַ שרעקלעך פאַרדאָרבענעם כאַ־ראַקטער אין זיין אוממענטשלעכער אויפפירונג.

מיינער אַ פריינד האָט מיר דערציילט ווי אַזוי אָט דער העניעק האָט צוזאַמען מיט אַנדערע יידישע פּאָליציאַנטן מיט אַזאַ אכזריות געשלעפּט און ארויסגעטראָגן פון די שפּיטעלער די לונגען־קראַנקע, וועלכע זיי האָבן אריינגעוואָרפן אין הויכע וועגענער ארומגעקלאַפּטע מיט ברעטער.

די קראַנקע אין די שפּיטאָל־העמדער זענען געשפּרונגען פון די פענצטער, וועלנדיק זיך ראַטעווען פון אומשלאַג־פּלאַץ. זיי זענען אויך ארויסגעשפּרונגען פון די וועגענער אין מיטן פאָרן און פלעגן בלייבן ליגן צעבלוטיקטע אָדער טויטע אויפן אַספאַלט . . . עס איז געווען איינע פון די אויפשוידערנדיקסטע בילדער פון די געטאָ־אַקציעס, אָבער פאַר די ס.ס.־לייט איז עס געווען אַ פאַרוויילונג, וואָס האָט זיי, ווייזט אויס, שטאַרק אַמוזירט. די יללות פון די קראַנקע זענען געגאַנגען צו די הימ־לען און העניעק האָט צוזאַמען מיט די ס.ס. זיך פאַרווײלט ביי דער שיסעריי אויף די אומגליקלעכע וואָס האָבן געוואָלט זיך ראַטעווען. אָט די געמיינסטע און דעמאָראַליזירטסטע טיפּן מיט זייער היהשן סאַדיזם האָט מען ווערבירט אין דער יידי־שער פּאָליציי.

אַז איך רעד וועגן היהשן סאַדיזם, שטייט מיר פאַר די אויגן דאָס בילד פון אַן ארבעטס־לאַגער ווו די ס.ס.־באַנדיטן האָבן גע־מאַכט זיך אַ שפּיל אַזאַ, אונטערצושיסן אויף די מענטשן אין לאַגער ווען זיי האָבן געטראָגן ציגל, ברעטער און אַנדערע מאַ־טעריאַלן. דערשיסן יידן אָן אַ פאַרוואָס איז ביי זיי אויך געווען איינע פון די פאַרווײלונגען.

צו די סאַדיסטישע מעשים געהערט אויך די געשיכטע פון אַן ארבעטס־לאַגער, ווו דער אָנפירער האָט פאַראָרדנט

מען פירט זיי צום אומקום

פּאַרטיק צו מאַכן אַ וועג צו אַ באַשטימטן טערמין. דאָס איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך פאַר דער גרופּע! אפילו ביי די גרעסטע אָנשטרענגונגען פון נישט קענען אָפּכאַפּן דעם אָטעם, — האָט דער וועג בשום אופן נישט געקענט פאַרטיק ווערן צו דער באַשטימטער צייט.

דער לאַגער־שעף האָט דאָס אויסגעצייכנט געוווּסט, אָבער זיין אכזריות און סאַדיזם צו פּייניקן מענטשן האָט אים געגעבן אַן אויסרייד צו באַשטראָפן די גאַנצע גרופּע מיט שמיץ.

עס זענען אַוועקגעשטעלט געוואָרן עטלעכע טישן און אוק־ראַינער און ליטווינער האָבן מיט רייט־בייטשן געשמיסן אויפן גאָלן לייב. דערביי האָבן זיי געפּאָדערט, אז דער געשמיסענער זאָל אליין ציילן אויפן קול די צאָל שמיץ, און די מינדסטע צאָל איז געווען פופציק... ס׳רוב פלעגן חלשן אין מיטן, פלעגט מען זיי מונטערן מיט עמערס קאַלטע וואַסער ארויפגע־גאָסן אויפן געשמיסענעם לייב. דאָס פלעגט זיך איבערחזרן פיל מאָל בעת דער עקזעקוציע.

די קרבנות פלעגן מיט צעהאַקטע לייבער נישט קענען צו־ריקברענגען זיך אין אָרדענונג. זיי האָבן זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. האָט מען זיי מיט ווייטערדיקע קלעפּ געצוווּנ־גען צורעכטצומאַכן זייערע מלבושים, זיך אויפשטעלן און גיין צוריק צו דער אַרבעט.

דער שעף איז געשטאַנען די גאַנצע צייט און נאָכגע־פאָלגט די עקזעקוציעס צי זיי ווערן ריכטיק אויסגעפירט לויט זיין באַפעל. נאָך דעם איז ער אַוועק צו זיך אהיים, ארויסגענומען זיין פידל און אָנהייבן שפּילן זיינע ליבלינגס־קאָמפּאָזיטאָרן: באַך און מאָצאַרט.

ווען איך טראַכט נאָך היינט ווי אזוי עס האָט געקענט גיין צוזאַמען די גרעסטע חיהשע אכזריות און געטלעכע מוזיק

ביי איין און דעם זעלבן פּערזאָן? קען מען דאָס דערקלערן מיטן שכל הישר? און אַזעלכע ביישפּילן האָבן מיר דאָך אַליין מיט אונזערע אייגענע אויגן געזען אין אַ ריי לאַגערן. איז וואָס שטעלט פאָר מיט זיך אַזאַ צוויי־פּיסיקע חיה־מענטש? קען מען אַזאַ באַשעפעניש צורעכענען צום נאָרמאַלן מענטש־לעכן מין?

דער אויפשטאַנד אין ווארשעווער געטאָ

יעדן פון אונדז אויסבאַהאַלטענע יידן, אויף דער אַרישער זייט, האָט נישט צורו געלאָזט דער געדאַנק, פון דער „אויסזידלונג", וואָס עס גייט כסדר אָן אין געטאָ. מיר האָבן שוין געוווּסט, אַז אונדזערע נאָענטסטע זענען צוגענומען געוואָרן קיין אוישוויץ אָדער אין אַנדערע טויט־לאַגערן. מיר האָבן געטרויערט נאָך זיי און ווייטער געלעבט — אויב דאָס קען מען אָנרופן: לעבן... דאָך האָבן זייער ווייניק זיך אַליין געוואָלט נעמען דאָס לעבן.

מיר האָבן געהלשט צו באַקומען ידיעות פון געטאָ און געהערט, אַז בעת די גרויסע מאַסן־דעפּאָרטאַציעס זענען בערך 300 טויזנט יידן פאַרשיקט געוואָרן אין די אומקום־לאַגערן. טאַקע בעת די אַ־גרויסע „אַקציעס" האָט זעלטן ווער געקענט זיך אַרויסקריגן פון געטאָ אויף דער אַרישער זייט, סיידן דורך די שטאָטישע קאַנאַלן, ווו מען האָט געדאַרפט דורכגיין דורך וואַסער און בלאָטע.

ווען מען איז שוין ענדלעך אַרוים אויף דער אַרישער זייט דורך אַ קאַנאַל־עפענונג, זענען די מלבושים געווען אַזוי אויסגעווייקט און פאַרבלאָטיקט, אַז מען איז גלייך דערקענט געוואָרן און פאַרראַטן געוואָרן דורך די פּוילישע „שמאַלצאָווניקעס״ (דער נאָמען פון די פּאַליאַקן וואָס פלעגן אויף דעם שרעקלעכסטן אופן שאַנטאַזשירן די יידן אויף דער אַרישער זייט, אויספּרעסן ביי זיי געלט און חפצים און נאָכדעם זיי פאַרמסרן צו די דייטשן).

מיר האָבן געהערט, אַז דער געטאָ־שטח ווערט וואָס אַמאָל קלענער און קלענער. עס ליקווידירן זיך די קליינע געטאָס לויט אַ באַפעל פון געסטאַפּאָ, וואָס האָט שוין אפילו גענומען אויסצורייניקן דעם „טעבענס־געביט״. אין די לעצטע חדשים האָט דער קליינער געטאָ — צווישן די גאַסן זשעלאַזנע, טוואַרדע און פּראָסטע שוין נישט געהאַט קיין פאַרבינדונג מיטן גאַנצן געטאָ.

אין מיטן מערץ האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אויפרופן פאַנאַנדערגעקלעפּט אויף די טויערן פון געטאָ, אַז די יידן זאָלן נישט פאָלגן די דעפּאָרטאַציע־פאַראָרדענונגען און זיך נישט צושטעלן צום „אומשלאַג־פּלאַץ״. דאָס איז געווען אַ מעלדונג פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געפירט אַן אונטערערדישע טעטיקייט און זיך געגרייט צו מאַכן אַן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

מיט 5 טעג שפּעטער, דעם 20טן מערץ, 1943, האָט דער דייטשער קאָמענדאַנט פאַר אינדוסטריעלער איבערזידלונג, טעבענס, געגעבן זיין ענטפער דורך אויפגעקלעפּטע פּלאַקאַטן אין די געטאָ־גאַסן, אין וועלכע ער האָט געזאָגט צו די יידישע אינדוסטריעלע אַרבעטער, זיי זאָלן נישט גלייבן דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, נאָר פאָרן מיט זייערע פרויען און קינ־

דער קיין טראַווניקי און קיין פּאָניאַטאָוו, ווו עס וועט פאַר אַלע געזאָרגט ווערן ביז דער קריג וועט זיך ענדיקן...

אָבער אין מערץ, 1943, האָט שוין קיינער מער נישט געגלויבט די דייטשע ליגנס. יעדער, וואָס האָט נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך אויסצובאַהאַלטן, איז פרייוויליק נישט געגאַנגען מער צום „אומשלאַג־פּלאַץ". די וואָס זענען געכאַפּט געוואָרן דורך די ס.ס. זענען געשלאָגן געוואָרן אויף דעם מער־דערלעכסטן אופן און אריינגעשטופּט געוואָרן אין די וואַגאָנעס. די אויסבאַהאַלטענע פלעגן מיט טויט־שרעק זיך איינהערן אין די גוט־באַקאַנטע טריט פון די מיט טשוועקעס־געקאָוועטע שטיוול...

דאָס געטאָ איז שוין דעמאָלט ריין געווען פון די יידן־אונטערוועלטניקעס, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט מיט די דייטשן און זיי צוגעטראָגן ידיעות וואָס עס גייט אָן אין געטאָ... אָט די מוסרים זענען דורך די ס.ס. גופא געוואָרן ליקווידירט. זיי האָבן צופיל געזען און געוווּסט... און דעם דאָזיקן סוף האָבן דאָך געהאַט אַלע אויסוואורפן וואָס האָבן מיט די ס.ס.־לייט מיטגעאַרבעט אין זייערע פאַרשידענע טונקעלע געשעפטן... ווען דאָס „געשעפט" האָט זיך פאַרענדיקט, האָט די געסטאַפּאָ זיי גלייך אומגעבראַכט. דאָס איז געשען אין אַלע געטאָס און אויך אין וואַרשעווער געטאָ, וואָס איז געוואָרן פאַר דער ענטגילטיקער ליקווידאַציע ריין פון יידישע מוסרים.

אין אַפּריל 1943 האָבן די דייטשן זיך געגרייט שוין ענטגילטיק צו ליקווידירן דעם וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט געהאַט דורכגעמאַכט פאַרשידענע גלגולים פאַר און נאָך די „מאַסן־אַקציעס".

דער שטח פון יידישן געטאָ אין אין די עטלעכע יאָר כסדר געוואָרן פאַרקלענערט און ארומגעשניטן. גאַנצע הייזער און

פּאָליאַקן קוקן ווי דער וואַרשעווער געטאָ ברענט (בעתן אויפשטאַנד)

גאַסן זענען אָפּגעשלאָסן געוואָרן ביי יעדער נייער פאַראָרדע־נונג פון דער דייטשער מאַכט.

די לעצטע קינדער פון פאָלק ישראל אין װאַרשעװער געטאָ, פאַרצוימטע צווישן הויכע ווענט, איינזאַמע און פאַרלאָזענע פון דער וועלט, האָבן באַשלאָסן אויפצוהייבן די פאָן פון אויפ־שטאַנד קעגן דעם גרויזאַמסטן שונא פון יידישן פאָלק. די לעצ־טע רעשטלעך האָבן געזען פאַר זיך צוויי וועגן: איין וועג — די ענטגילטיקע ליקווידאַציע, דורך לאָזן זיך ווייטער אוועק־פירן צו די טויט־לאַגערן אָן ווידערשטאַנד... און א צווייטן וועג — שטאַרבן מיט כבוד דורך אויפשטאַנד און קאַמף:

„אָבער זאָל דער מערדער באַצאָלן מיט קרבנות פאַר אונדזערע פאַרשניטענע לעבנס, פאַר די מיליאָנען מענער, פרויען און קינ־דער אומגעבראַכט אין די גאַזקאַמערן" — אונטער די לאָזונגען האָט זיך דעם 19טן אַפּריל 1943 אָנגעהויבן דער העלדישער אויפשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע.

די געשיכטע פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד האָט שוין א רייכע ליטעראַטור און איך וועל דאָ נישט גיין עפּעס צוגעבן פון פערזענלעכע איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס, ווייל איך בין דעמאָלט נישט געווען אין געטאָ, נאָר זיך אויסבאַהאַלטן אויף דער אַרישער זייט, אין שטאַלן מיט אָפּפאַל און ענלעכע „וווינונגען" אונטערן שאָטן פון מלאך־המות...

ווייניק יידן האָבן נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד זיך געקענט ראַ־טעווען דורך די קאַנאַלן, ווייל די דייטשן האָבן אַריינגעלאָזט גיפטיקע גאַזן אין די קאַנאַלן און באַוואַכט אַלע אַרויסגענג אויף דער אַרישער זייט.

די איינצלנע, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט, האָבן גע־בראַכט אונדז שילדערונגען, ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען די

אומפאַרגלייכלעכע מלחמה... די אויפטרייסלענדיקע בילדער פון די ברענענדיקע הייזער און כמאַרעס רויך.

דער גאַנצער געטאָ איז געווען איינגעהילט אין פלאַמיקע שרפות דורך די דייטשע צינד־באָמבעס. דער געקנאַל פון דייטשישן מאַשין־געווער האָט פאַרטויבט טאָג און נאַכט. אָבער די דייטשן האָבן פאַר יעדן שפּאַן ערד געמוזט צאָלן אַ טייערן פּרייז פון זייערע אייגענע קרבנות, כאָטש פאַר יעדן אָנטייל־נעמער איז קלאָר געווען דער אויסגאַנג...

איז דאָך קעגן אויסגעפייניקטן געטאָ מיט די פאַרבליבענע יידישע סקעלעטן ארויסגעשטעלט געוואָרן די שטאַרקסטע מיליטערישע באַוואָפנטע מאַשין אין דער וועלט!... און די קוילן פון די דייטשע האַרמאַטן האָבן פאַרוואַנדלט דעם געטאָ אין איין גרויסן בית־עלמין, אַ פולשטענדיקע וויסטעניש מיט צעאַקערטע לעבער און גריבער!...

מיט אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער האָט זיך די געשיכטע איבערגעחזרט מיט די פּוילישע אויפשטענדלער אין דער פּוילישער מעטראָפּאָליע, ווען די רויטע אַרמיי איז צוגעקומען צו די טויערן פון וואַרשע.

ביי דעם אויפשטאַנד האָב איך צו פאַרצייכענען איבערלעבונגען און אָבסערוואַציעס, וועלכע איך וועל שילדערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען, וועגן דעם אויפשטאַנד אין וואַרשע, וואָס האָט זיך פאַר די פּאָליאַקן אַזוי טראַגיש פאַרענדיקט צוליב דער סאָוויעטישער הויך־פּאָליטיק...

אומגעבעטענע וויזיטן...

אין דער וווינונג פון דער סטרוזשקע, וווּ מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן, האָבן פּלוצעם אָנגעהויבן קומען קאָמיסיעס אויף „וויזיטן". באַלד אין די פרימאָרגנס זענען אַריינגעקומען „דאָקטוירים", דייטשישע, פּוילישע, כלומרשט צו קאָנטראָלירן צי עס איז ריין. פאַקטיש האָבן זיי געמיינט צו כאַפּן אויסבאַהאַלטענע מענטשן.

פאַר זייער אַריינקום האָבן מיר קוים באַוויזן אַריינצוגיין אין אַ שאַפע אין וועלכער איך און מיין פרוי זענען שיער נישט דערשטיקט געוואָרן, ווען דער וויזיט פון דער קאָמיסיע האָט זיך צו לאַנג פאַרצויגן. צום גליק האָבן זיי די שאַפע נישט געעפנט, אָבער די באַלעבאָסטע האָט צו אונדז געזאָגט, אַז זיי וועלן נאָך אַמאָל יאָ עפענען די שאַפע און דעמאָלט וועלן זיי נישט נאָר אונדז, נאָר אויך זיי דערהרגענען.

מיר האָבן אַליין געזען איין מאָל נאָך אַזאַ „וויזיט" ביי אונדז, ווי זיי האָבן פון אַ קעגנאַיבערדיק הויז יאָ געעפנט די טיר פון אַ שאַפע און דאָרט אויך קיינעם נישט געפונען. אָבער איך האָב געהערט ווי זיי רעדן, ווען זיי זענען אַרויס פון יענער שטוב, אַז זיי האָבן אין אונדזער וווינונג פאַרגעסן צו עפענען די שאַפע.

מיר זענען געשטאַנען ביים פענצטער און געמיינט, אַז איצט, אויב זיי וועלן זיך טאַקע אומקערן, וועט שוין זיין אונדזער סוף...

מיר האָבן ממש געזען א נס פון הימל, וואָס זיי זענען גלייך דעמאָלט נישט אריינגעקומען נאָך אמאָל צו אונדז אויף א „וויזיט". אָבער ווייטער בלייבן אויף דעם אָרט איז שוין געוואָרן אוממעגלעך, ווייל א חוץ אָט די „דאָקטוירים"-באַזוכן, האָבן אָנגעהויבן כסדר קומען ס.ס.-לייט צו זוכן אויסבאַהאַלטענע יידן.

צו אונדזער גליק האָבן זיי נישט דורכגעפירט גרונטלעכע רעוויזיעס צו אַנטדעקן אונדזער באַהעלטעניש. עס איז אָבער געווען קלאָר, אַז יעדעס מאָל וועט זיך נישט איבערחזרן אָט דער נס, האָבן מיר דעריבער געזוכט כסדר נייע אויסבאַהאַלט־ערטער און דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין וואַרשע, ווען פּאָליאַקן האָבן פאַרלאָזט זייערע פאַרברענטע היימען — איך באַשרייב עס אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען — און מיר האָבן געהאַט שוין מער ערטער ווו זיך אויסצובאַהאַלטן (הגם די ערטער זענען געווען נאָר לעכער אָדער חורבות).

אָבער ביזן וואַרשעווער אויפשטאַנד, ווען די פּאָליאַקן זענען נאָך געזעסן אין זייערע וווינונגען און האָבן קיין ייד נישט געוואָלט אריבערלאָזן איבער זייער שוועל, איז טאַקע געווען זייער ביטער צו געפינען ערגעץ־ווו א לאָך אין וועלכן מיר זאָלן זיך איינגראָבן און האָבן אַן אָרט צווישן א שאַפע און א וואַנט, וואָס זאָל אונדז פאַרשטעלן, איז געווען א נס.

אונדזערע האָפענונגען זענען געווען צו קענען דערשלעפּן זיך מיט א פונק לעבן ביז די רוסישע אַרמייען וועלן פאַרנעמען וואַרשע. מיר האָבן נישט געקענט וויסן גענוי ווי אַזוי עס זעט אויס אויף די פראָנטן, דאָך פלעגט ווי נישט איז צו אונדז דערגיין ידיעות וועגן די נצחונות פון די רוסישע כוחות, וועלכע פאַרנעמען איין שטאָט נאָך דער אַנדערער און זיי דערנעענטערן זיך שוין צו אונדז.

ענדע יולי, 1944, האָבן מיר שוין געקענט הערן דעם אָפּהילך פון די סאָוויעטישע הארמאַטן. עס האָבן זיך באַוויזן איבער ווארשע רוסישע באָמבארדירערס, וואָס האָבן אטאַקירט פאַרשידענע אָביעקטן פון דער פוילישער מעטראָפּאָליע.

עס האָבן קורסירט פאַרשידענע קלאַנגען, אז דער סאָ־וויעטישער ראַדיאָ זאָל זיך האָבן געוואָנדן צו די פּאָליאַקן, זיי זאָלן זיך נעמען צום געווער, דעראָבערן די פרייהייט דורך ארויסטרייבן דעם דייטשישן אָקופּאַנט פון ווארשע. דער סאָוויעטישער ראַדיאָ האָט גערופן דעם מיליאָן איינוווינער אין ווארשע צו פאַרוואַנדלען זיך אין אַ מיליאָניקער ארמיי.

צווישן די קלאַנגען זענען אויך געווען ווערסיעס, אז רוסישע זעלנער זענען שוין אריבער דעם ווייסל־טייך, דאָס האָט זיך אָבער באַלד ארויסגעוויזן אַלס פרומער ווונטש... די דייטשן זענען דערווייל געווען די הערשער און די באַלעבאַטים איבער דער שטאָט, אָבער די ערד האָט זיך שוין געטרייסלט אונטער זייערע פיס. אויף יענער זייט ווייסל זענען שוין געווען סאָ־וויעטישע פּאָזיציעס מיט זייערע לופט־פעלדער, פון וואַנען זייערע עראָפּלאַנען האָבן אין אַ 20 מינוט געקענט זיין אין דער מעטראָפּאָליע, ווארשע.

אין אַ שטאַל ביים ווייסל...

נאָך אַלע ארומוואָגלענישן פון איין אָרט אין א צווייטן האָבן מיר אויסגעזוכט א נייעם פּלאַץ נישט ווייט פון ווייסל, וואָס האָט באַדייט, אַז מיר זענען פּונקט אויפן שלאַכטפעלד קעגן איבער די סאָוויעטישע פּאָזיציעס... מיר האָבן געפונען ערגעץ אויף אַן ערשטן שטאָק א צימערל וואָס האָט מער אויס־געזען ווי א שטאַל מיט אָפּפאַל... געווען זענען מיר זעקס מענטשן אין דער חורבה: איך מיט מיין פרוי, מיין שוועסטער און מיין שוואָגער און נאָך צוויי מענטשן, איינע אַ פרעמדע פרוי וואָס האָט פארלוירן אין די „אויסזידלונגס־אקציעס" איר מאַן און קינד, און א מאַן וואָס האָט ווידער פארלוירן זיין ווייב און קינדער.

איך האָב פון א שטיק האָלץ און ברעטער פון א מין שאַפע אויפגעשטעלט עפּעס, וואָס האָט געדינט פאר א בעט. און אַ שאַפע האָט פארמאסקירט דעם אריינגאַנג צו אונדז. די עפענונג איז געווען פארשטעלט מיט מלבושים, זאכן און שמאַטעס. בייטאָג איז די שאַפע געווען אין גאנצן פארמאַכט. ביינאַכט פלעגן מיר עפענען א טייל פון דער שאַפע אריינצוברענגען עפּעס שפּייז און זיך א ביסל ארומוואַשן.

די שיסערייען זענען דערווייל געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער, און דעם 31טן יולי (1944), האָבן די רוסן אָנגע־הויבן א גרויסן אָנגריף ביי פּראַגע צו פארנעמען וואַרשע. די פּאָליאַקן האָבן דערוואַרט, אַז די סאָוויעטישע כוחות וועלן

א ליאדע טאָג פאַרנעמען די שטאָט און דעריבער באַשלאָסן אָנ־צוהייבן אַן אויפשטאַנד אין ווארשע, בכדי פון אינעווייניק העלפן שנעלער צו פאַרטרייבן דעם דייטשישן אָקופּאַנט. דער פּוילישער אונטערערד האָט באַשלאָסן, אַז דער אויפשטאַנד זאָל זיך אָנהייבן דעם ערשטן אויגוסט אין די פאַרנאַכט־שעהן.

דערווייל האָט עס אויסגעזען, אַז די דייטשן גייען עוואַ־קואירן ווארשע. די פאָלקס־דייטשן זענען ארומגעלאָפן ווי פאַרסמטע מייז און די ערשטע געוואָלט זיך ראַטעווען פון דער מפּלה. זיי האָבן געצאָלט פאַנטאַסטישע פּרייזן צו קריגן אַ וואָגן אין וועלכן זיי זאָלן אַנטלויפן פון ווארשע און ארויספירן וואָס זיי האָבן נאָר געקענט.

עס האָט זיך געשאַפן אַ גרויסע בהלה אין שטאָט. די ס.ס. האָבן געברענט דאָקומענטן. מען האָט געקענט זען בפירוש, אַז ווארשע ווערט עוואַקואירט: די אַמטן אין שטאָט האָבן אויפגעהערט צו אַרבעטן, די צייטונג וואָס דער אָקופּאַנט האָט ארויסגעגעבן האָט אויפגעהערט פונקציאָנירן, מענטשן האָבן באַלאַגערט די וואָקזאַלן, געהאַנגען אויף די טירן פון די באַנען. אויך די טאַנקן וואָס זענען געקומען פון פראָנט אויפן מזרח, זענען געווען באַהאַנגען מיט באַנדאַזשירטע זעלנער, פאַרוואַק־סענע, מידע, דערשלאָגענע . . .

דער סאָוויעטישער ראַדיאָ האָט כסדר גערופן צום אַקטיוון קאַמף די ווארשעווער איינוווינער: זיי זאָלן שטעלן אַ ווידער־שטאַנד דעם שונא ער זאָל נישט ארויספירן פון שטאָט דעם פאָלקס־פאַרמעגן. עס וועט שוין לאַנג נישט דויערן — האָט דער ראַדיאָ געזאָגט—און קיין ווארשע וועט מיט טריומף אריינמאַר־שירן אַן אויסגעשולטע פּוילישע ארמיי, וואָס שטייט שוין ביי די טויערן פון דער פּוילישער הויפּטשטאָט.

אָט די ידיעות האָט מען אונדז געבראַכט אין אונדזער

אויסבאַהעלטעניש צו שטאַרקן אונדזער מוט, אַז אַ ליאַדע מינוט וועלן מיר ווערן אויסגעלייזט פון גיהנום.

דערווייל איז אונדזער מצב געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. די סאָוויעטישע אַפּטיילונגען זענען שוין געווען אין פּראַגע און זיי האָבן אָן אויפהער געהאַלטן אין איין באָמבאַר־דירן די שטאָט. אין אַלע עקן זענען געווען שרפות און שטאַרקע רויך־וואָלקנס.

די דייטשן טרעטן נישט אָפּ...

די דייטשן האָבן פאַרטיידיקט זייערע פּאָזיציעס, און מיר זענען געווען אין מיטן פון די שלאַכטפעלדער צווישן דיביידע אַרמייען. די ס.ס. האָבן פאַרשטאַרקט די אָבלאַוועס אויף מענער פון 16 ביז 60 יאָר צו גראָבן אָקאָפּעס און אַנדערע פאַרטיפי־קאַציע־אַרבעטן. זיי האָבן אונטערגעלייגט מינעס אונטער די בריקן מיט דעם ציל זיי אויפצורייסן, ווען די רוסן וועלן אָנ־הייבן דעם אָנגריף אויף דער שטאָט. עס האָבן קורסירט קלאַנ־גען, אַז די דייטשן גייען אונטערצינדן וואַרשע און וועלן אפילו אַרויספירן פון שטאָט די פייערלעשער מיט זייערע אַלע מכשירים. צו אונדז פלעגן נאַטירלעך דערגיין נאָר ברעקלעך ידיעות, וואָס עס קומט פאָר אין שטאָט.

ביי טאָג זענען מיר געווען אויסבאַהאַלטן און נישט גע־טאָרט אָנזען די ליכטיקע שיין. ביינאַכט פלעגן מיר אַרויסגיין פון אונדזערע נאָרעס צו זוכן שפּייז. אָבער צו לאַנג האָבן מיר זיך נישט געטאָרט זאַמען, ווייל די סכנה איז כסדר דאָך געווען

גרויס אַרום אונדז. דער טעראָר פון די דייטשן איז דערגאַנגען צו די העכסטע פּונקטן אין שטאָט. דער הימל איז געווען רויט פון שרפות און פון דער האַרמאַטן־שיסעריי צווישן די דייטשן און רוסן.

מיר האָבן זיך גענומען אויסבאַהאַלטן אונטער די חורבות פון די אויפגעריסענע הייזער. מיר פּלעגן אַנטלויפן פון פּלאַץ צו פּלאַץ. אָט האָבן מיר געפונען אַ קעלער, וואָס האָט אונדז אויסגעזען צו זיין גוט פאַרשטעלט און פאַרדעקט מיט אַלטע אייזנס, אָבער די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן דעם קעלער און מיר האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן און אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט. פיל טעג זענען מיר געווען אָן שפּייז, אָן וואַסער. מיר זענען געווען צוזאַמען זעקס מענטשן און האָבן זיך געראַנגלט פאַר יעדן טאָג עקזיסטענץ, אָפט אפילו פאַר יעדער שעה לעבן.

מיר איז געווען טאָפּלט ביטער! מיין פרוי איז שווער קראַנק געוואָרן, איר צושטאַנד האָט זיך כסדר פאַרערגערט און איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טאָן.

אויך מיט געזונטע איז געווען גענוג צרות פון אַלע זייטן, אָבער אַז איך האָב נאָך געהאַט צו דעם די האָפענונגסלאָזע לאַגע פון מיין פרוי, וואָס האָט שוין נישט געקענט פאַרנעמען אפילו אַ ביסל עסן, איז מיר געווען זייער ביטער אויף דער נשמה. איך האָב געזען ווי זי גייט אויס פאַר מיינע אויגן און נישט געקענט איר מיט עפּעס העלפן.

ווען איך שרייב די שורות שטייען אָט די טראַגישע בילדער פאַר מיינע אויגן, ווי אַזוי מיר האָבן זיך געראַנגלט מיט גרויס פאַרצווייפלונג און יאוש און דאָך נישט געוואָלט אויפגעבן אַ פונק פון לעבן...

דער אויפשטאַנד אין וואַרשע

דעם 1טן אויגוסט 1944 האָבן די פּאָליאַקן אויפגעהויבן דעם אויפשטאַנד אין ווארשע. ער האָט זיך נישט אָנגעהויבן אויף אַלע ערטער צו דער אָפּגערעדטער צייט. ווי מיר האָבן שפּעטער געהערט דערציילן, האָבן די אויפשטענדלער נאָך פריער געשטעלט אַ ווידערשטאַנד, ווען דייטשע פּאַטרולן האָבן דערשנאַפּט ביי זיי אויסבאַהאַלטענע געווער און געוואָלט עס אָפּנעמען. דאָס איז געווען בייטאָג נאָך, ווען פּאָליאַקן האָבן געבראַכט געווער אויף אָפּגערעדטע באַשטימטע פּאָזיציעס.

אָבער אויב בייטאָג זענען די באַוואָפנטע ווידערשטאַנדן מיט געווער קענען די דייטשן געווען נאָר ספּאָנטאַנישע, פאַר־איינצלטע פאַלן, איז שוין פאַרנאַכט־צו דער אויפשטאַנד גע־ווען אָפיציעל און אַן אַלגעמיינער.

גלייך האָבן די דייטשן אַלאַרמירט זייערע באַוואָפנטע כוחות און געבראַכט שווערע טאַנקן אויף די וואַרשעווער גאַסן. דערווייל זענען פענצטער און טויערן פאַרמאַכט און פאַרשטעלט געוואָרן מיט אימפּראָוויזירטע באַריקאַדן. באַ־וואָפנטע פּוילישע כוחות האָבן אָפּגעוואַרט דייטשע טאַנקן און זיי אויפגעריסן מיט גראַנאַטן און באָמבעס.

דער פייער פון אויפשטאַנד האָט גלייך אַרומגעכאַפּט די גאַנצע מעטראָפּאָליע. יונג און אַלט האָבן זיך געשלאָגן מיט די דייטשע פּאַטראָלן. פון די פענצטער האָט מען אויף די דייטשישע אויטאָס אַראָפּגעוואָרפן פאַרקאָרקעוועטע בענזין־

פלעשער און אויפגעריסן די אויטאָס. די שטאָט־קאָמוניקאַציע האָט אויפגעהערט צו פונקציאָנירן. די אויפשטענדלער האָבן אונטערגעצונדן די דייטשישע בענזין־רעזערוואַרן...

אין די גאַסן זענען כסדר אָנגעגאַנגען שיסערייען. עס זענען געלעגן טויטע און פאַרוווּנדעטע און פּוילישע סאַניטאַרן מיט רויט־ווייסע אָרעמבענדער האָבן געגעבן די ערשטע הילף אין ספּעציעל באַשטימטע פּאַרטער־דירות און קעלערן, וווּ מען פלעגט אַוועקפירן די פאַרוווּנדעטע.

קוריערן האָבן געבראַכט ידיעות פון גרויסע שלאַכטן ביי דער עלעקטראָווניע. ביי די ווענט האָט מען געזען ליגן פיל דערשאָסענע מענטשן און פּאָליאַקן האָבן פאַרכאַפּט סקלאַדעס מיט דייטשישע מונדירן און זיך איבערגעטאָן פאַר דייטשן צו פאַרנעמען סטראַטעגישע פּאָזיציעס.

עס האָבן זיך פאַרשטאַרקט די קלאַנגען, אַז די דייטשן גייען צווינגען אַלע איינוווינער זיי זאָלן תיכף עוואַקואירן די שטאָט און אויך וועגן שווערע רעפּרעסיעס פאַר די וואָס וועלן זיך קעגנשטעלן די עוואַקואַציע פון דער מעטראָפּאָליע. מען האָט דערציילט וועגן באַוואָפנטע אָפּטיילונגען פון פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך געוואַלט דורכרייסן דורך דעם דייטשישן קאָרדאָן אַרום וואַרשע, אַז זיי האָבן איבערגעהאַקט אַרטעריע־פּונקטן, וואָס פירן אַרויס פון וואַרשע דורך באַן־ליניעס און קרייץ־וועגן.

דייטשישע געפּאַנצערטע אָפּטיילונגען האָבן געהיט די פיר בריקן איבערן ווייסל, דורך וועלכע עס זענען געגאַנגען די דייטשישע טראַנספּאָרטן קיין מזרח. די פייערן האָבן אַרומגעכאַפּט דעם וואַרשעווער הויפּט־וואָקזאַל און אַלע זיינע הילצערנע געביידעס אַרום. די גרעסטע אָנשטרענגונגען האָבן די

אויפשטענדלער געמאַכט צו פאַרניכטן און בלאָקירן די הויפּט־אַרטעריעס וואָס פירן אַרויס פון וואַרשע.

זיי האָבן איבערגעדרייט טראַמווייען, וועגענער, צו שטערן דעם דורכפאָר פון דייטשישע טאַנקן. מען האָט אַרויסגעטראָגן פון די שטיבער אין די גאַסן אַלטע און נייע זאַכן, מעבל און כלים, אויפגעריסן דעם ברוק אין גאַס צו מאַכן באַריקאַדן דורך הויכע שטויסן גרוז.

דער המון האָט נישט געקוקט אויף די שווערע שיסערייען אין גאַס און האָט אַראָפּגעריסן דייטשישע שילדן און היטלערס פּאָרטרעטן. זיי האָבן אויפגעהאָנגען די ווייס־רויטע פּוילישע נאַציאָנאַלע פענער.

עס האָבן זיך אויסגעמישט דייטשישע קולות מיט פּויליש, געשרייען פון ס.ס.־לייט און דער געבראַזג פון פּאַלנדיקע ווענט, פון ברענענדיקע מויערן. דאָ און דאָרט האָבן אויפשטענדלער פאַרכאַפּט אייניקע דייטשישע טאַנקן און זיי אויפגעריסן. די דייטשן האָבן אונטערגעצונדן גאַנצע קוואַרטאַלן, ווו די אויפשטענדלער האָבן זיך פאַרפעסטיקט. דער הימל איבער דער מעטראָפּאָליע איז ביינאַכט געווען רויט פון די גרויסע שרפות אין אַלע ווינקעלעך פון שטאָט.

די דייטשן האָבן אַטאַקירט דעם אַרבעטער־קוואַרטאַל אויף וואָליע, וועלנדיק זיך דורכרייסן צו פּראַגע. וואָליע האָט זיי פאַרשטעלט, פאַרבלאָקירט דעם וועג צום מזרח און איבער־געהאַקט פאַרבינדונגען. אַלע בריקן איבערן ווייסל — אַ חוץ די צפונדיקע — זענען שוין געוואָרן איבערגעריסן, פּונקט אַזוי איז אויך איבערגעהאַקט געוואָרן די פאַרבינדונג צווישן צפון און דרום. וואָליע האָט געברענט. אַרום די שרפות און קאַמפן האָט מען געזען ווי עס שלייכן זיך דורך ביי די ווענט פרויען און קינדער און אין דעם וואָלקן־רויך ווערן איינגע־

הילט סילועטן פון מענטשן, שאָטנס פון שוואַרצע און גרינע מונדירן, פון וועלכע עס ווערן געשפּענסטער, סאָלדאַטן, טאַנקן און ברענענדיקע גאַסן.

אין דעם סאַמע ברען פון אויפשטאַנד, ווען די פּאָליאַקן האָבן זיך אויסגעקוקט די אויגן אויף דער הילף פון דער סאָוויעטישער אַרמיי, זענען גראָד די רוסישע האַרמאַטן מיט אַמאָל גאָר שטיל געוואָרן! עס האָט אויפגעהערט די אַרטי־לערישע קאַנאָנאַדע צווישן ביידע זייטן ווייסל. די רוסישע אַוויאַציע האָט זיך צוגעקוקט ווי די דייטשישע „שטוקאַס״ און „יונקערס״ פליען איבער וואַרשע און נישט געפּרוּווט טאָן דאָס מינדסטע זיי צו פאַרטרייבן פון וואַרשע.

באַלד אויפן פינפטן טאָג פון אויפשטאַנד, האָבן שוין די דייטשישע באָמבאַרדירער איינגעזען, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי שטייט מן הצד פון דעם אויפשטאַנד, הגם צווישן די פּאָליאַקן האָבן כסדר קורסירט קלאַנגען, אַז די סאָוויעטן האָבן יאָ אַריינגעשיקט קיין וואַרשע פּאַראַשוטיסטן צו זיין די פאַר־בינדונגס־אָפיצירן צווישן די אָנפירער פון אויפשטאַנד מיט דער רוסישער אַרמיי־אָנפירונג אין פּראַגע.

די ווערסיע איז געווען, אַז דאָס סאָוויעטישע מיליטער גייט אָט אָט, שוין אָנהייבן די גרויסע אָפענסיווע פון יענער זייט ווייסל... דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט אמת. די רוסישע מיליטערישע כוחות זענען געשטאַנען אומבאַ־וועגלעך; זיך רואיק צוגעקוקט, ווי די דייטשישע אַוויאַציע מאַכט חרוב וואַרשע און ברענגט אום די ציווילע באַפעלקע־רונג. די באָמבאַרדירער פלעגן שיסן פון גאָר נידעריק, גע־וואָרפן צינד־באָמבעס, אָבער די רוסן האָבן געשוויגן. די סאָ־וויעטישע אַרמיי איז געבליבן שטיין ביי די טויערן פון דער

וואַרשעווער מעטראָפּאָליע און זיך נישט גערירט פון אָרט צו העלפן די אויפשטענדלער.

אַזוי איז דורכגעגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך און וואַרשע גייט אָפּ אין פייער און אין בלוט.

פונקט אַזוי, ווי דער יידישער געטאָ מיט בערך אָנדערהאַלבן יאָר פריער, ווען די פּאָליאַקן האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט, ווי דער יידישער געטאָ ברענט און קומט אום אין בלוט און אין פייער. איצט האָט זיך דער גורל נוקם געווען אין זיי בעתן איצטיקן אויפשטאַנד אין זייער הויפּטשטאָט.

אין די נעכט פלעג איך זען די פייער־צונגען פון דער ברענענדיקער שטאָט. ביי טאָג האָב איך פון דער באַהעלטעניש געזען נאָר די טונקעלע וואָלקנס רויך. די רוסן האָבן געוואַרט עס זאָל קומען זייער שעה אָנצוהייבן דעם אָנגריף אויף וואַרשע. דערווייל אָבער, זאָל די שטאָט אויסגיין פון הונגער און דורשט, זאָלן די פּאָליאַקן מיט די דייטשן זיך קעגנזייטיק אויספּייניקן, אויסמאָרדן, און נאָך דעם...

האָט מען געקענט זען ווי רוסישע סאָלדאַטן וואַרעמען זיך אויפן זאַמדיקן ברעג פון יענער זייט ווייסל, זיי באָדן זיך, און עס איז רואיק ביי זייערע פּאָזיציעס. אומזיסט איז געווען די האָפענונג פון די אויפשטענדלער צו באַקומען געווער און שפּייז פון דער רוסישער זייט... פאַר דער סאָוויעטישער מיליטערישער אָנפירונג איז געווען קלאָר, אַז דער אויפשטאַנד וועט זיכער ווערן דערשטיקט דורך דער דייטשישער וואַרמאַכט און דאָס איז גינסטיק פאַר די סאָוויעטישע פּלענער.

די רוסישע סטראַטעגיע איז געווען אויסגערעכנט אויף דעם, אַז די דייטשישע מאַכט זאָל צוליב די קריגס־אָפּעראַציעס מיט די פּאָליאַקן ווערן שטאַרק אָפּגעשוואַכט און שוין נישט

זיין בכוח זיך צוצוגרייטן צו דער לאַנג־דערוואַרטעטער רוסי־שער אָפענסיווע.

דערווייל זענען אַרומגעפלויגן און געבושעוועט די דייַ־טשישע „שטוקאַס" און די „יונקערס", געזייט טויט און פאַר־ניכטונג און עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי פאַרטרייבן. די פייער־פלאַמען פון די צינד־באָמבעס, דער ליאַרעם פון די סירענעס, די שרפות און אויפרייסן האָבן גאַנצע גאַסן פאַר־וואַנדלט אין חורבות.

די דייטשן האָבן זיך באַנוצט מיט אויפרייס־מאַטעריאַלן פון א ריזיקער קראַפט. הייזער זענען איינגעפאַלן און האָבן פאַרשאָטן די איינוווינער. פרויען און קינדער, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין די קעלערס זענען באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות. שטיקער גזימסן פלעגן אַראָפּפאַלן אויף דורכגייער און דער ציגל־ברוך און רויטער בלוט־שטויב האָבן זיך צונויפ־געמישט מיט די רויך־קנוילן און פייער־פלאַמען.

די שטאָט איז צעשניטן געוואָרן אויף באַזונדערע שלאַכט־געגנטן. די דייטשן האָבן זיך פאַרפעסטיקט און קאָנצענטרירט אין די יעראָזאָלימסקע אַלייען און אין דער געגנט פון זאַק־סישן גאָרטן. זייער אַוויאַציע האָט זיך פריי באַנוצט מיט די פלי־פלעצער אין אָקענטשע און ביעלאַני און זייערע טאַנקן האָבן דורכגעריסן סטראַטעגישע אַרטעריע־פּונקטן.

עס האָט געברענט די מיטלשטאָט און אויף די ווענט זע־נען געווען פאַנאַנדערגעקלעפּט פּלאַקאַטן מיט רשימות פון דער־שאָסענע בעת עפנטלעכע עקזעקוציעס איבער אויפשטענדלער.

ביינאַכט פלעג איך זען די רעפלעקטאָרן אויפן הימל. זיי פלעגן צעשניידן דעם האָריזאָנט, ווי מיט שאַרפע מעסערס. די אָנגעצונדענע ראַקעטעס, רעפלעקטאָרן פלעגן נישטערן אַר־מעטום און אַדורכגעדרונגען יעדער שפּאַרונקע פון ווייסל־ברעג,

וואָס איז געווען אין דייטשישע הענט. אויב עס פלעגט זיך צומאָל באַווייזן אַ סאָוויעטישער עראָפּלאַן, איז עס נאָר גע־ווען אויסצוגעפינען די צענטערס פון דער דייטשישער אַר־טילעריע.

וואַרשע הונגערט. עס פעלט אויס ברויט אין שטאָט. די שטאָט איז איינגעהילט אין אַ שטאַרקער פינצטערניש. די אַר־טילעריע־באַשיסונג האָט אויפגעריסן די עלעקטראָ־סטאַציע. פון פאַרטאָג אָן איז געפאַלן אַ רעגן און נישט אויפגעהערט ביז ביינאַכט. עס איז אַ דריבנער רעגן, וואָס קען נישט פאַר־לעשן די קלענסטע פייערן, שוין אָפּגערעדט פון די הייזער וואָס פלאַקערן מיט אַ העליש פייער.

די אויפשטענדלער זענען פאַרבליבן אָן געווער. זיי האָבן אויסצושטיין פון נייע טאַנקען און פיצבאָטע־אָפּטיילונגען, וועלכע די דייטשן האָבן אַריינגעפירט אויף זשאָליבאָזש און טשערניאַקאָוו.

דער דייטשישער גענעראַל פאָן דעם באַך פירט אָן מיט די שלאַכטן און ער קען נישט באַגרייפן די חוצפּה פון די אויפשטענדלער צו וואָגן אַרויסצוטרעטן מיט געווער קעגן דער דייטשישער מעכטיקער אַרמיי, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן איינ־צונעמען אַ וועלט.

זיין סטראַטעגיע איז צו דערשטיקן דעם אויפשטאַנד מיט דער קראַפט פון טאַנקען, עראָפּלאַנען, מיט די „מעסערשמידטס" און „היינקלס", מיט צינד־באָמבעס אָפּמעקן וואַרשע, אַרויס־טרייבן די איינוווינער פון שטאָט און זי לאָזן אַזוי אָן אונ־טערגעצונדענע פאַר די רוסן, ווען זיי וועלן מאַכן דעם אָנגריף.

דאָס ווערט דורך די דייטשן דורכגעפירט מיט דער גאַנ־צער ריקזיכטלאָזיקייט און פּלאַנירטקייט. עס ברענט דער קאַמ־

פינאָווסקער וואַלד. עס ברענען די הייזער מיט די מענטשן, וועלכע די דייטשן לאָזן נישט אַרויסגיין פון די ברענענדיקע הייזער; אומאויפהערלעכע דערשיסונגען פון ציווילע, מען וואַרפט גראַנאַטן אויף געפאַנגענע פרויען און קינדער, שוין אָפּגערעדט פון דאָס כסדרדיקע פאַרגוואַלדיקן פרויען...

וואַרשע איז איצט שוין אַ געשפּענסטער־שטאָט. מען דערציילט: איבערן גאַס אין אַלטשטאָט האָבן די דייטשן צוגעבונדן מיט שטריק צו לאַנגע לייטערס אַ המון פון מענער, פרויען און קינדער, און זיי ווערן געטריבן פון גרין־מונדירטע דייטשן אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. קיינער האָט שוין מער נישט קיין אילוזיע, אַז די רוסן וועלן העלפן די פּאָליאַקן. זייערע דיוויזיעס שטייען שטיל ביי יענער זייט ווייסל.

פון מיטן סעפּטעמבער געפינט זיך גאַנץ פּראַגע אין רוסישע הענט. זיי געפינען זיך ביי די וועלדער פון וואַווער און דער אומגעגנט. דער גאַנצער רעכטער ווייסל־ברעג ביז יאַבלאָננע איז אין סאָוויעטישע הענט.

אין דער מעטראָפּאָליע גופא זענען די אויפשטענדלער־גרופּן אַרומגערינגלט דורך דייטשיש מיליטער אין עטלעכע אָפּגעטיילטע אַרטעריע־רינגען. די גאַסן זענען געוואָרן בית־עלמינס. אונטערן האָגל פון פייער גראָבט מען קברים פאַר די געהרגעטע.

די דייטשישע מאַכט פאָדערט אויף די אויפשטענדלער זיך אונטערצוגעבן און זאָגט זיי צו קאָמבאַטאַנטן־רעכט. די ידיעה ווערט איבערגעגעבן צום סאָוויעטישן שטאַב, און אַפּנים, אַז ער וויל דערוויילע צוליב סטראַטעגישע סיבות אָפּשלעפּן די וואַרשעווער קאַפּיטולאַציע צו די דייטשן — ווייל מיט אַמאָל, נאָך איבער אַ מאָנאַט שווייגן, באַווייזן זיך אומגעריכט

איבערן שטאָט רוסישע עראָפּלאַנען, ווי אַן אָנזאָג, אַז אָט, אָט גייען זיי אָנהייבן די אָפּענסיווע! . . .

מיר זענען באַגראָבן די גאַנצע צייט אין אונדזערע באַ־העלטענישן. מיר כאַפּן אויף פון גאַס, פון אָפּגעריסענע ווער־טער דורך פאַרבייגייערס נעבן אונדז, אַז די סאָוויעטישע עראָ־פּלאַנען קרייזן אַרום איבערן שטח פון דער מעטראָפּאָליע. זיי וואַרפן אַראָפּ אַ ביסל שפּייז און געווער; אַז די רוסישע אַר־טילעריע רופט זיך אויך אָפּ מיט פייער אויף די דייטשישע פּאָזיציעס. דאָס דויערט אָבער נאָר אַ ווייל. און די רוסישע כוחות בלייבן ווייטער שטיל. זייערע עראָפּלאַנען האָבן ווײ־טער בלויז צוריקגעבראַכט אויספאָרשונגס־ידיעות פון סטראַ־טעגישן כאַראַקטער פאַר דעם דערוואַרטעטן רוסישן אָנגריף, (וואָס וועט אָבער קומען שוין נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון די אויפשטענדלער).

דערווייל האָט די דייטשישע מאַכט געגעבן אַן אולטימאַ־טום די וואַרשעווער איינוווינער צו פאַרלאָזן וואַרשע. די שטאָט מוז תיכף ווערן אָפּגערייניקט פון מענטשן! און וואַר־שע ווערט טאַקע אויסגעליידיקט פון אירע איינוווינערס. דײ־טשישע עראָפּלאַנען פליען גאָר נידעריק איבער די גאַסן צו אָבסערווירן די עוואַקואַציע פון דער באַפעלקערונג. זיי זעען ווי אַ שטאָט ווערט טויט . . .

דעם 2טן אָקטאָבער 1944, איז אַ דעלעגאַציע פון די פּוילישע אויפשטענדלער מיט אַ ווייסער פאָן אַוועק צום דײ־טשישן שטאַב און איז אויפגענומען געוואָרן אין דער הויפּט־קוואַרטיר פון גענעראַל פאָן דעם באַך. זייער שנעל גייען דורך די אונטערהאַנדלונגען פון זייער קאַפּיטולאַציע . . .

דעם 3טן אָקטאָבער איז אין וואַרשע געוואָרן שטיל . . .
63 טעג האָט די שטאָט זיך געראַנגלט מיט הונגער, פּיין און

טויט. איצט האָבן פון די בונקערס און חורבות, פון קעלערס און בוידעמער אָנגעהויבן אַרויסקומען אויסבאַהאַלטענע פּאָליאַקן, הונגעריקע, פאַרביטערטע...

— קענן וועמען לאָזט מען אויס די פאַרביטערונג? קלאָר: קעגן די אומגליקלעכע פאַר לעבנגעבליבענע יידן. און איך בין צווישן זיי. עס הויבט זיך אָן אַ נייער געיעג אויף יידן, אויף דעם לעצטן רעשטל אויסבאַהאַלטענע אונטער ציגלבערג און חורבות.

אין די ערשטע אָקטאָבער־טעג זענען געפאַלן רעגנס, וואָס האָבן געהאָלפן לעשן די רויכנעסטן פון די טליענדיקע האַלעוועשקעס. איבער די גאַסן זענען געפאָרן אויטאָס מיט הילכערס און די דייטשן האָבן גערופן צו די פּאָליאַקן: — היט זיך פאַר אויסבאַהאַלטענע יידן־באָלשעוויקעס!

דער פּוילישער המון האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן די אויסבאַהאַלטענע יידן. קורסירן קלאַנגען, אַז יידן באַהאַלטן זיך אויס אין די קאַשטשאָלן און שענדן דאָרט די הייליקע קריסטלעכע בילדער. אָט דער בילבול האָט געגעבן אַ נייעם שאַנס אַלע פּוילישע שאַנטאַזשיסטן און מיטהעלפער פון די דייטשן אויסצוגראָבן פון די באַהעלטענישן די יידן. די דערנידעריקטע פּאָליאַקן האָבן זייער פאַרשפּילטע לעצטע שלאַכט קעגן די דייטשן געזוכט צו קאָמפּענסירן אויפסניי מיט יידיש־פאַרגאָסענעם בלוט...

דייטשן רייסן זיך אַריין אין קעלערן מיט אויטאָמאַטישע רעוואָלווערן צו זוכן יידן, און ווען זיי געפונען עמעצן איז גלייך אַ בליץ־שנעלער שאָס אויפן אָרט. ווען אַ פּאָליאַק האָט ערגעץ־ווו אויסגעגראָבן פון אַ בונקער אַ לעבנגעבליבענעם ייד, האָט ער בעתן איבערגעבן אים צו די דייטשן נאָך אַ זאָג געטאָן מיט חידוש: — מען שלאָגט זיי, מען הרגעט זיי און זיי

זענען נאָך אַלץ פארבליבן. מסתמא א שווינדלער אָט דער געווען. ער האָט גענאַרט, און אונדזערע אויסגעגעבן . . . זעט נאָר וויפל זשידעס נאָך אַלץ פאַרבליבן ביי אונדז!״. אויב ער האָט געהאַט ביי זיך א רעוואָלווער, האָט באַלד אָפּגעהילכט א קויל אין דעם יידס האַרץ.

עס זענען געווען פיל יידן וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין אויפשטאַנד און נאָך דער קאַפּיטולאַציע האָט מען זיי געזוכט אין די בונקערס אויסצוליפערן צו די דייטשן. טויזנטער פּאָליאַקן האָבן זיך געלאָזט נישטערן אין די בונקערס און חורבות. פון אַלע זייטן האָט מען ביים ערשטן חשד גע־טייטלט: — אָט איז אַ ייד! ער ווערט תיכף מיד דורכגעשפּיזט דורך אַן המון פון בלוטדורשטיקע פּאָליאַקן און גלייך אומגעבראַכט.

✶

אונדזער קליינע גרופּע האָט צו יענער צייט זיך איבער־געטראָגן פון איין בונקער אין א צווייטן זיך אויסצובאַהאַלטן פון די דורכשפּיזנדיקע דייטשן און זייערע פּוילישע העלפּערס. מיר האָבן אויסגעפונען א הויז, וואָס איז נאָך די פייערן און שיסערייען געבליבן שטיין „כמעט״ גאַנץ. . . עס האָט געהאַט פינף גאָרנס, אָבער אָן טרעפּ ארויפצוגיין צו זיי. ביזן דריטן שטאָק איז געווען גרוז און זאַמד, און די גאַנצע געביידע האָט גיכער אויסגעזען ווי אַ מאָנומענט און נישט ווי אַ בנין צו וווינען.

מיר האָבן זיך דאָרט אויבן אויסבאַהאַלטן בייטאָג, און ביינאַכט פלעגן מיר זיך אַראָפּלאָזן פון א הויכן גאָרן אויף

שטריק צו זוכן פראָוויאַנט צו דערהאַלטן דעם גוף. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז די דייטשן זאָלן נישט ברענגען קיין שפּיר־הינט און אונדז אויסגעפינען, מחמת זיי פלעגן זיך באַנוצן מיט הינט ביים זוכן יידן אויסבאַהאַלטענע.

אונדז האָט זיכער אָפּגעראַטעוועט, וואָס מיר האָבן זיך געפונען ביים ווייסל, נאָענט פון די רוסישע פּאָזיציעס, און ווייל דער שונא איז געווען אַזוי נאָענט, וואָלט דאָס בילן פון די הינט אויסגעגעבן די פּאָזיציע פון די דייטשן צו די רוסן׳

לאַנג האָבן מיר אָבער אויך דאָרט נישט געקענט זיך אויסבאַהאַלטן, זענען מיר אַוועק אין אַ קעלער, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט זשאַווערדיקע אייזנס און אָפּפאַל. ווען די ס.ס.־באַנדיטן זענען דורכגעגאַנגען, האָבן מיר דערהערט ווי איינער פון זיי רופט זיך אָפּ: — „עס שמעקט מיט עפּעס וואָס קאַכט זיך דאָרט״.

מיר האָבן דורך קליינע שפּאַרונקעס ארויסגעקוקט אין דרויסן און בעת מעשה געטראַכט, אַז ס׳איז דער סוף... מיר האָט טאַקע געזען, ווי זיי שטעלן אָן די ביקסן צו שיסן אין אונדזער באַהעלטעניש, יעדער פון אונדז האָט דעמאָלט אין הארצן אָפּגעזאָגט ווידוי... ווען זיי האָבן אָנגעשטעלט צו שיסן אויף אונדז לינקס, האָבן מיר זיך שטיל צוגעשאַרט צום רעכטן ווינקל פון קעלער, און אַזוי אויך פאַרקערט.

איך געדענק שוין נישט וויפל קוילן די דייטשן האָבן אריינגעשאָסן אין קעלער און צום גליק אונדז נישט געטראָפן. צום סאַמע סוף האָבן זיי אונטערגעצונדן דעם קעלער און מיר וואָלטן זיכער תיכף אומגעקומען אויפן אָרט. אָבער מיין שוואָגער האָט גענומען ארויסרייסן ציגל פון אַ קעלער־וואַנט מיט אַן איבערמענטשלעכן כוח! ער האָט פאַרשטאַנען, אַז

מחמת אונדזער אריינגאַנג איז פאַרשאָטן מיט גרוז און שווערן אייזן־אָפּפאַל, דאָס צו באַזייטיקן וואָלט גענומען מער ווי א שעה. מיר וואָלטן אָבער שוין דעמאָלט זיכער אַלע געוואָרן דערשטיקט.

דורך די אַרויסגעריסענע ציגל האָבן מיר באַוויזן אַרויס־צוקריכן זיך פון ברענענדיקן קעלער און מיר זענען אַריינגע־שפּרונגען צו דער זייט פון א ברענענדיק הויז. מיר זענען גע־שפּרונגען פון איין פייער אין א צווייטן פייער אריין . . . אָבער דאָס ברענענדיקע הויז האָט זיך עפּעס נישט פאַרוואַנדלט אין קיין חורבה. עס איז געבליבן שטיין מיט די ווענט און מיט א גאַנצן דאַך אונטער וועלכן מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון א דורכשטעכנדיק אויג.

דאָס איז געווען פאַר אונדז א שוידערלעכע באַהעלטעניש, אָבער מיר האָבן מורא געהאַט פון דאָרט אַרויסצוגיין אפילו צו זוכן עפּעס צו עסן. צוועלף טעג זענען מיר דאָרטן געווען אָן א ביסן ברויט. מיין פרוי איז טאַקע דעמאָלט אויסגע־גאַנגען . . . דאָס איז געווען אין נאָוועמבער 1944. עס איז געווען א שווערער ענין ברענגען איר צו קבורה . . . ביינאַכט האָבן מיר אויסגעגראָבן א קבר אין א קליינעם גאָרטן און זי באַגראָבן. מיר האָבן אוועקגעשטעלט א צלם, וואָס זאָל ווייזן אַז זי איז נישט קיין יידישע . . . אַנדערש וואָלט אונדזער גורל געווען געחתמעט.

אָן עסן און אָן וואַסער האָבן מיר געשפּירט, אַז מיר וועלן סיי ווי נישט אויסהאַלטן . . . ווען עס איז געפאַלן א שניי האָבן מיר זיך אַביסל אָפּגעמונטערט. מיר האָבן אָנשטאָט וואַסער געטרונקען שניי. אין יענע שוידערלעכע טעג האָב איך געפילט, אַז איך קען שוין נישט מער . . . איך האָב געוואָלט א סוף מאַכן מיט זיך און איין מאָל פאַר אַלעמאָל אויפהערן

האלינא לאנקער ע״ה

צו פייניקן זיך, יעדן טאָג און יעדער שעה צו זיין אין אַזאַ גיהנום . . .

דער טויט פון מיין פרוי האָט מיך שוין אין גאַנצן דער־שלאָגן, און אויסער דעם האָב איך דעמאָלט סיי ווי פאַרלוירן יעדע האָפענונג פון קענען בלייבן לעבן. עס איז אויסגערונען פון מיין נשמה יעדער טראָפּן ענערגיע און בטחון. אָבער מיין שוואָגער האָט נישט דערלאָזט איך זאָל זיך אליין נעמען דאָס לעבן! ער האָט אין די שווערסטע מאָמענטן אויפגעהאַלטן זיין גלויבן, אַז מיר וועלן איבערלעבן דעם שונא.

זייענדיק שטאַרק אָפּגעשוואַכט פון הונגער פלעג איך אַריינפאַלן אין האַלוצינאַציעס . . . איך האָב געזען פאַר זיך שאָטנס, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון דער פינצטערניש. פון די שאָטנס האָבן זיך אויסגעוויקלט מיינע נאָענטסטע, דער טאַטע מיינער, מיין ברודער לעאָפּאָלד, מיין שוועסטער און נאָך אַנדערע פון מיין פאַמיליע. זיי זענען געקומען ווי נאַכט־שאָטנס מיט פאַרלאָשענע פּנימער און צעפיבערטע אויגן . . . איך האָב געזען פאַר זיך טויטע יידן, טויטע גאַסן, אַ מענטשן־געקנויל מיט אויגן־לעבער . . . אַלע זענען אומגעקומען, אַוועק, און איך בין געבליבן.

איך פלעג זיך אויפכאַפּן און צוריק אַריינפאַלן אין אַ לעטאַרגיע. אָט גייען מענער און פרויען אין פּאַפּירענע קליידער מיט קאָלירטע פּאַסן . . . זיי זעען אויס ווי געשפּענסטער אין מלבושים פון צעמענט־זעק. איך האָב געשפּירט מיין דעלוריע־צושטאַנד אויך אין דער וואָכעדיקייט . . . עס פלעגן צוריק אויפטויכן טויט־שרעק־בילדער אָקאָרשט־דורכגעלעבטע, ווען איך בין געלאָפן איין מאָל אין מיין הויז צו זען אויב ווער פון מיין פאַמיליע איז נאָך געבליבן לעבן און אַז ס׳ס׳־מאַן האָט מיך געכאַפּט און צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צו מיין שטערן.

פאר וואָס ער האָט דעמאָלט נישט אויסגעשאָסן איז געבליבן א רעטעניש פאר מיר. מסתמא איז אויבן געווען אָנגעצייכנט איך זאָל בלייבן לעבן נאָכן דורכגיין אַלע טויטן...
איך בין דעמאָלט געבליבן שטיין און זיך נישט גערירט פון אָרט. איך האָב געשפּירט אינסטינקטיוו, אז אויב איך וועל מאַכן נאָר איין שריט איז עס מיין ענדע... צו מיין גליקלעכער איבערראַשונג האָט ער דעם רעוואָלווער אוועקגענומען פון מיין שטערן און מיט די פיס מיר געגעבן א קאָפּיע. ער איז אַוועק און כ'האָב א צעבלוטיקטער זיך אויפגעהויבן. מיינע ליפּן האָבן — צום ווילפטן מאָל — געבענטשט גומל צו מיין באַשעפער אויבן...

עס איז מיר געקומען אויפן זכרון מיין איבערלעבונג אין אַן אויסבאַהאַלטענעם צימערל אונטער וועלכן אונדזער קליינע גרופּע האָט געקענט נאָר שטיין צוגערוקט האַרט ביי דער וואַנט. לעבן דעם צימערל איז געווען א צווייטער, אָבער שוין אָן א דעכל אָנגעפילט מיט אַלטע פאַרזשאַווערטע אייזנס. עס זענען דאָרט אויך געווען דריי לעבעדיקע הינער.

עטלעכע דייטשן זענען פאַרביי און האָבן צווישן זיך אָנגעהויבן רעדן, אז דאָ באַהאַלטן זיך, מסתמא, אויס יידן: זיי האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף די הינער, וואָס זענען זיך געזעסן לינקס אין דער חורבה. איינגעבויגענערהייט האָבן מיר זיך געשאַרט און צוגעקראָכן צום רעכטן ווינקל פון אונדזער באַהעלטעניש.

איך געדענק נישט וויפל קוילן זיי האָבן אויסגעשאָסן צו די הינער, וואָס זענען געווען פאַרשטעלט דורך א טירל. צום סוף איז זיי נמאס געוואָרן די שפּיל און זיי האָבן געעפנט די טיר. צו זייער איבערראַשונג האָבן זיי געטראָפן אַלע דריי הינער לעבעדיק! דאָס האָט זיי אַמוזירט און זיי זענען אוועק

פון דעם אָרט. מיר זענען ווידער געבליבן נישט אַנטדעקט. אַט די ניסים האָבן זיך איבערגעחזרט מיט אונדז.

מיר זענען געבליבן אין אַ טויטער שטאָט מיט חורבות, אויסגעברענטע לעכער פון ווענט, הענגענדיקע גזימסן און אויסגעשטרעקטע אייזנס פון טויערן. אַרום אונדז בערג פון ציגל מיט אַ טויטער וויסטעניש אַרום. איך האָב געטראַכט: —אין וויפל ערטער בין איך שוין געשטאַנען צוגעדריקט צו אַ וואַנט, פאַרשטעלט מיט אַ שאַנק דורך וועלכער עס האָט זיך געעפנט אַ קליאַפּע אַרויסצוגיין, אָדער צו דערלאַנגען שפּייז? ווער געדענקט שוין די צאָל ערטער פון אונדזערע לעבעדיקע באַגראָבענישן? און וויפל מאָל האָב איך געזען דעם טויט פאַר די אויגן?...

איך האָב געטראַכט פון די אַלע גיהנומס וואָס איך האָב דורכגעמאַכט. געזען בסדר פאַר מיינע אויגן די אומגעבראַכטע און געפּייניקטע. איך האָב געזאָגט צו זיך, אַז כ׳וועל זיכער מיין גאַנץ לעבן — אויב עס וועט מיר נאָך באַשערט זיין צו בלייבן לעבן, וואָס כ׳האָב געצווייפלט שטאַרק, שוין קיין מאָל נישט פאַרגעסן די פּנימער פון די מיט וועלכע איך בין געווען אין די אַרבעטס־לאַגערן, אַט די יידן וואָס האָבן שוין נישט געהאַט קיין ווייב, קיין קינד, קיין היים און דאָך דאָס אַלץ וואָס איז נאָך פריער געווען ביי זיי היים געטוליעט צום האַרצן...

איך האָב אין מיין געמיט, אין מיין זכרון געטראָגן מיט זיך מיינע נאָענטסטע און ליבסטע. איז דאָך מיין עלטסטער ברודער לעאָפּאָלד (מיט אַ דריי יאָר נאָר עלטער פאַר מיר) געווען פאַר מיר נישט נאָר אַ ליבער האַרציקער ברודער, נאָר אויך אַ טייערער פריינד. און איך האָב דאָך געהאַט אַזוי פיל פריינד מיט וועלכע איך האָב געטיילט צוזאַמען פרייד און

האָפענונג — און זייער צאָל איז א לעגיאָן — ווו איז זייער געביין אהינגעקומען?...

איך האָב געטראַכט וועגן די מענטשלעכע טאַטן פון די קריסטן, וואָס האָבן געזאָרגט פאר מיר, די הומאַניטאַרע פּאָ־ליאַקן, וואָס האָבן מיר געהאָלפן צו בלייבן לעבן, איך וועל זיי קיין מאָל נישט פאַרגעסן, ווי איך וועל תמיד געדענקען די וואָס האָבן מיך שאַנטאַזשירט און געוואָלט אויסליפערן צו די ס.ס.־מערדער, נאָר מיין מזלדיקער שטערן אין הימל האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט. יאָ, אָט די שאַנטאַזשיסטן־פּאָליאַקן! וויפל יידיש בלוט האָבן זיי אויף זייער געוויסן!

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער געשיכטע פון מיינעם א גוטן פריינד אין געטאָ, דער פריינד ש. וואָס האָט זיך באַ־טייליקט אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. ער האָט זיך באַ־וויזן צו ראַטעווען אין דער לעצטער מינוט שפּרינגענדיק פון א צווייטן גאָרן, וואָס איז געווען אַרומגעכאַפּט פון פלאַמען. צוזאַמען מיט א קליינער גרופּע האָט ער געזוכט א דורכגאַנג צו דער אַרישער זייט דורך די קאַנאַלן. ער איז געקראָכן אויף אַלע פיר און זיינע הענט און פיס זענען געוואָרן צעקאַלעטשעט פון גלאָז־שפּליטערס. דאָס קלעפּיקע אומריינע וואַסער אין די קאַנאַלן איז אין געוויסע ערטער געגאַנגען מיט א שטאַרקערן שטראָם פון א ריי אָפּפלוס־ערטער און פון צעריסענע רערן אויבן.

ווען ער איז ענדלעך אַרויס פון קאַנאַל אויסערן געטאָ, איז ער געווען אין גאַנצן אויסגעשמירט אין בלאָטע. ער איז אַרויסגעקומען אויף דער אַרישער זייט און האָט זיך געטראָפן מיט א פּאָליאַק, א פּיגעוואַטער, מיט בלאָנדע וואָנצעס און א קענטיקן האַלדז־ביין. „דאָ איז שוין מיין סוף" — האָט ש. געטראַכט.

דער פּאָליאַק האָט גלייך אָנגעהויבן זיין שאַנטאַזש פּאָ־דערנדיק א גאָר גרויסע סומע געלט. נישט האָבנדיק די סומע, האָט דער פּאָליאַק געעפנט אַ גרויס מויל און מיט זיינע אויס־געשטשירבעטע ציין א קריץ געטאָן: — איך וועל דיך, זשידעק, באַלד איבערגעבן צו דער געסטאַפּאָ.

פריינד ש. האָט א זאָג געטאָן צו אים שטיל: — קום אריין דאָ אין א הויף און כ׳וועל דיר געבן אַלץ וואָס איך פאַרמאָג. דער „שמאַלצאָווניק״ איז באַשטאַנען און אים אַריינ־געפירט אין א הייזקע, ווו עס איז געשטאַנען ביים קיך אן איבערגעיווירענע גויע, א גוידערדיקע, מיט פאַרוואַסערטע אויגן. פריינד ש. האָט אוועקגעלייגט אויפן טיש אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין געלט, אין זאַכן, און זיך געבעטן ביים פּאָליאַק ער זאָל אים אָפּלאָזן.

דער שאַנטאַזשיסט האָט פון אָנהייב נישט געוואָלט פון דעם הערן און גערענקען. דאָס אַלץ וואָס דער ייד האָט געהאַט איז געווען ווייניק פאַר אים. אריינגעמישט האָט זי די גויע, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין זיין מאַמע און דורך איר אינ־טערווענץ איז ש. ארויס א באַפרייטער פון דעם מערדערם נעגל. ווייטער גיין אין דעם הילוך האָט ער שוין מורא געהאַט, איז ער אריין זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ שטאַל. ווען עס איז געוואָרן גוט פינצטער, האָט ער זיך ארויסגעשאַרט און צוגע־קומען בשלום אויף אַ געוויסן אדרעס וואָס ער האָט געהאַט מיט זיך.

אויף דער אַרישער זייט האָט ער ווידער דורכגעמאַכט אַלע שבעה מדורי גיהנומס און מיט אָנדערהאַלבן יאָר שפּע־טער האָט ער זיך באַטייליקט אין וואַרשעווער אויפשטאַנד, אין וועלכן ער איז אומגעקומען פון א דייטשישער קויל. מיט פיל אַזעלכע געשיכטעס האָב איך זיך אָנגעטראָפן.

זייענדיק אליין אַן עדות ווי אַזוי פּאָליאַקן האָבן זיך באַצויגן צו די יידן אין געטאָ, האָב איך שפּעטער נישט איינמאָל צו זיך געזאָגט: ווייזט אויס, אַז ערגעץ אויבן וויגן זיך יאָ די שאָלן פון גערעכטיקייט און די פּאָליאַקן אין וואַרשע, וואָס האָבן מיט אַזאַ הנאה זיך צוגעקוקט, ווי די יידן „פּרעג־לען" זיך אין די פייערן בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד, האָבן אליין פאַרזוכט דעם זיסן טעם פון נאַצישער אויסמאָרדונג.

✶

צו אונדז פלעגט דערגיין אַן עכאָ פון די דייטשישע היל־כערס, וואָס זיי האָבן אינסטאַלירט ביי זייער זייט פון ווייסל. זיי פלעגן שפּילן „רעקאָרדס" און צווישן דער מוזיק רופן די פּאָליאַקן אויף יענער זייט ווייסל אין דער רוסישער אַרמיי צו דערזערטירן! מיר פלעגן הערן אַזעלכע רייד, ווי: „ברידער, קומט אַהער. די פּוילישע פאָן הענגט און וואַרט אויף אייך".

ווען די ווייסל איז געוועזן פאַרפרוירן, האָבן געוויסע פּאָ־ליאַקן־זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי יאָ געפּרוווט אַריבער־גיין דעם טייך, אָבער די דייטשן האָבן זיי גלייך דערשאָסן, ווי נאָר זיי זענען אַריבער אויף דער דייטשישער זייט.

זיי פלעגן אויך דערשיסן די פּאָליאַקן, וועלכע זיי האָבן געכאַפּט צו גראָבן אָקאָפּעס און צו פאַרלייגן מינעס אויף די אַרטעריע־וועגן. יעדן טאָג האָבן זיי געכאַפּט פרישע אַרבעטער און זיי אָנטאָן געלע לאַטעס אויף די אַרבל. נאָכן טאָג אַרבעט, פלעגן די דייטשן ביינאַכט זיי צעשיסן צענדליקער פאַר־אַמאָל, זיי זאָלן נישט קענען דערציילן וואָס זיי האָבן געטאָן און וווּ זיי האָבן פאַרזייט די מינעס...

הערנדיק וועגן דעם האָב איך געטראַכט וועגן אונדזער

איינענעם יידישן גורל, אַז דער וואָס איז די גאַנצע צייט פון אונדזער חורבן געגאַנגען אין אַ געיעג מיטן דייטשישן פייניקער, ווער וועט לענגער אויסהאַלטן? דער אָפּטימיסטישער טייל פון מיין נאַטור האָט געגלויבט, אז דער יידישער קרבן וועט טראָץ אַלע ליידן און יסורים איבערלעבן דעם שונא, דעריבער האָבן מיר זיך געראַנגלט מיט ציין און נעגל פאַר יעדער שעה לעבן אין די שרעקלעכסטע אוממענטשלעכע באַדינגונגען.

אָבער דער פעסימיסטישער טייל פון מיין נאַטור האָט מיר אונטערגעזאָגט, אז דער פייניקער וועט לענגער אויסהאַלטן און אומזיסט איז אונדזער טאָג־טעגלעכער געראַנגל אין גיהנום. צום פעסימיסטישן חשבון איז דאָך אויך צוגעגאַנגען, וואָס דער פייניקער האָט דאָך געהאַט פאַר אַ געטרייען שותף דעם מלאך־המוות, וואָס האָט יעדן טאָג געטאָן דאָס זייניקע . . .

גובר געווען האָט דאָך דער אינסטינקט פון לעבן, אפילו ווען מען איז געווען אויפן טויטן בעט, און אַ ליאַדע מינוט פאַרן שטאַרבן, האָט מען געוואָלט גלויבן, אַז מאָרגן וועט מען . . .

איך וויל דאָ מודה זיין, אז מיין שוואָגער, וועלכער האָט נישט דערלאָזט אין 1944 מיר און מיינע נאָענטסטע איינגעמען „לומינאַל״, האָט ארויסגעוויזן אַן אומגעהויערע ווידערשטאַנד־קראַפט און פסיכישע גלייכגעוויכט אין די שווערסטע פאַרצווייפלונגס־מאָמענטן פון יענער צייט. אים איז ווילדפרעמד געווען דער געדאַנק זיך אליין אָפּזאָגן דאָס לעבן . . . ווען אַנדערע פלעגן שיער נישט שטאַרבן יעדע סעקונדע פון טויט־שרעק, פלעגט ער אַ באַהערשטער זיך האַלטן אונטער אַ פסיכישער קאָנטראָל און אָנגעווענדעט אַלע זיינע כוחות אונדז צו באַרואיקן

מען האָט געדאַרפט זען זיין אופן פון אויספּאַרטיקן באַ־

העלטענישן, צו פארמויערן טירן און צוגרייטן זייטיקע ארויס־גענג. ווי אזוי ער פלעגט פרעציז אויסקאמבינירן, אז די טירן פון קליידער־שאפעס זאלן פארשטעלן אן עפענונג צו אונ־דזערע אויסבאהאלטענע קעמערלעך. איך פלעג באוווּנדערן זיין רואיקייט, ווען מיר האבן דערהערט ווי ס׳רודערט זיך אויף יענער זייט באהעלטעניש... געהערט דייטשישע רייד, שווערע טריט, דעם גערודער ביים עפענען די שאפע־טירן. און אט, אט... ביי אונדז פלעגט אין די מינוטן די נשמה ארויספליען... אבער נישט ביי אים.

איך דערמאן זיך א מאמענט, ווען זיי האבן געקלאפט מיט האמערס אין דער וואנט פון אונדזער אויסבאהעלטעניש אויס־צוגעפינען צירונג. (אפט פלעגן דאך די דייטשן אזוי ארום אויסגראבן באהעלטענישן פון יידן, פארשטעקטע צווישן ווענט און ווענטלעך). די ענגעניש האט געשטיקט, דער טויט־שרעק האט געוואָרגן ביים האלדז און דאך האבן מיר געקענט דורכ־טראגן אזא אימיטאציע פון א כלומרשטן לעבן, וואס איז אין מיינע אויגן געווען אויסזיכטלאז. אבער מיין שוואגער האט עס אויפגענומען מוטיקער. ער האט אונדז אלעמען געשטארקט און אנגעשטעקט מיט זיין אפטימיזם.

איך האב זיך געפילט א צוזאמענגעבראכענער פון די אלע יארן שווערע דורכלעבענישן. מיין קערפער איז געוואָרן שטארק אפגעשוואכט און כ׳פלעג האבן דערלוריע־צושטאנדן. ווייטע שטימען האבן גערעדט צו מיר ווי אין א חלום. עס האבן זיך אויסגעמישט מאסקעס פון צענדליקער פנימער און פון האס־טיקע געקאָוועטע טריט פון זעלנערישע שטיוול. אין די אויערן האבן אפגעקלונגען שיסערייען, באפאלונגען, רויבערייען...

די רעגנדיקע טעג פון נאוועמבער 1944, מיט נעפלען אין די פארטאגן און פארנאכטן, — אלץ איז געוואָרן אזוי

שווער ווי שווערער בליי אויף דער נשמה. . . אין דעצעמבער זענען געפאַלן גרויסע שנייען. ביי דעם ווייסל־ברעג, פאַר די נאָרעס און חורבות פון אונדזערע אויסבאַהעלטענישן האָט א בלאַנק געטאָן די שניי־ווייסקייט פון פוכיקע שנייען.

באַלד זענען געקומען פרעסט וואָס האָבן געבריט דאָס פּנים. דאָס האָט אָנגעהאַלטן דעם חודש דעצעמבער ביז יאַנואַר 1945, ווען עס האָבן אָנגעהויבן בושעווען שניי־זאַווערוכעס. אין איינעם אַזאַ טאָג פון מיטן יאַנואַר ,זענען די סאָוויעטישע אָפּטיילונגען אריין אין ווארשע און באַפרייט די מעטראָפּאָליע פון דייטשישן אָקופּאַנט.

די שטאָט איז געלעגן אין חורבות. עס איז געווען א טויטע שטאָט פאַרדעקט מיט א ווייסן שניי. דער אַרטילעריע־פייער האָט זיך נאָך געהערט פון צייט צו צייט. די דייטשן האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעצויגן פון זייערע פּאָזיציעס, אָבער זיי האָבן נאָך געפּרוּווט באַשיצן די וועגן פון זייער צוריקצוג. דער עכאָ פון די שיסערייען זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שוואַכער און דאָס האָט באַדייט פאַר אונדז, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי־אָפּטיילונגען האָבן באַהערשט די שטאָט און מיר דאַרפן אַרויסגיין פון אונדזער באַהעלטעניש.

מיר האָבן מורא געהאַט פאַר פרישע צרות: צי וועלן די רוסן אונדז וועלן גלויבן, אַז מיר, יידן, זענען געבליבן לעבן ? וועלן זיי אונדז נישט אָננעמען פאַר קיין שפּיאָנען ? . . .

האָבן מיר געהאַלטן פאַרלויפיק זיך פאָרשטעלן פאַר קריסטן. . . דאָס האָט נאָר אָבער געדויערט ביז מיר האָבן אויסגעפונען, אַז אין פראַגע געפינט זיך א יידישער קאָמיטעט.

מיר זענען אַריבער קיין פּראַגע און מיך האָט מען גלייך אָפּגעשיקט אין שפּיטאָל אריין. איך בין געווען אַזוי שטאַרק פיזיש אָפּגעשוואַכט, אַז כ׳האָב קוים געגלויבט, אַז כ׳וועל

נאָך אמאָל קענען קומען צו זיך. ביסלעכווייז האָט מיין געזונט־צושטאנד זיך גענומען פארבעסערן, איך האָב געקענט אָנהייבן אראָפּצוגיין פון בעט און זיך באַגעגענען מיט מענטשן.

דאָרט האָב איך זיך באַקענט מיט מר. סאָלאָוויטשיק, וועלכער געפינט זיך אויך היינט אין אויסטראַליע. איך האָב זיך נאָענט באַפריינדעט מיט אַנדערע יידן, וואָס געפינען זיך היינט אין פארשידענע לענדער.

ווען איך האָב זיך שוין געפילט גענוג שטאַרק צו קענען שטיין אויף די פיס און צו קענען אָנהייבן אַרבעטן, בין איך אַוועק קיין לאָדזש, וואָס איז דעמאָלט געוואָרן דער גרויסער זאמל־פּונקט פון די לעבנגעבליבענע יידן, סיי די וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם גיהנום אין די געטאָס און סיי די וואָס האָבן זיך פארשטעלט פאַר „אַריער" און געלעבט אויסער דעם געטאָ. א חוץ די רעשטלעך נישט דערברענגטע יידן פון די טויט־לאַגערן, זענען צוריקגעקומען די יידן פון רוסלאַנד, פון יענע „לאַגערן אָן די גאַז־קאַמערן..."

פאַר מיין אָפּפאָרן קיין לאָדזש וויל איך נאָך אַמאָל גיין איבער די אַמאָליקע יידישע גאַסן פון ווארשע, וווּ עס זענען אַמאָל געווען הייפן און הייזער און יידן האָבן געלעבט, גע־האַנדלט און געאַרבעט... איצט איז טויט. נישטאָ מער דער רויש פון האַווען און יאָגן אויף נאַלעווקעס. ווו זענען די וואַר־שעווער און פּראָווינצער יידן מיט וועלכע עס איז פול געווען די גאַס?

איך זע ווי עס וואַלגערן זיך אַרום ציגל און קוימענס, פּאַרקוילטע ברעטער, ליים און אַש, א באַרג פון ציגל און גרוז...

איך גיי און זע אין מיין דמיון די פאַר־מלחמהדיקע

יידן, וואָס האָבן זיך געיאָגט אין די אינדערוואָכנס, און פּריי־טיק פאַרנאַכט אויסגעטאָן זיך פון דער וואָכעדיקייט און שבת־קודשדיק געשפּרייזט צו קבלת־שבת אין די בתי־מדרשים און „שטיבלעך".

ווּ זענען די יידן פון גערער שטיבל און פון די אַנדערע „שטיבלעך", וואָס פלעגן לעבן מיין ווינונג מחדש זיין די לבנה מיט אויפגעהויבענע צעפּאָכטע הענט?

ווּ זענען די פאַראָרעמטע קרעמערלעך און בעלי מלאכות, וואָס פלעגן כסדר ארומלויפן זיך שאַפן א גמילת־חסד? און די פּראָווינצער יידן, וואָס פלעגן קומען קיין וואַרשע איינקויפן זייערע סחורות; און די שפּיליטערן, וואָס פלעגן אָננעמען באַ־שטעלונגען און לויפן צו די באַנען און אויטאָבוסן מיט די שווערע פּעק? ווּ זענען זיי אַלע? . . .

— נישטאָ, פאַרברענט, פאַרגאַזט, אומגעבראַכט — ווער ווייסט ווו? אפשר גיי איך איצטער גאָר איבער מאַסן־קברים? . . .

איך שלעפּ זיך ארום אויף דזשיקע גאַס, אויף מילע, מיין פּוס באַרירט שטיינער מיט ציגל פון וועמענס שטילקייט עס שרייט ארויס צו מיר א גרויס געוויין און א געקלאָג פון די, וואָס זענען געטריבן געוואָרן צו די אומקום־וואַגאָנעס. איך זע פאַר מיינע אויגן די טויט־דערשראָקענע יידן, וואָס די וועלט האָט מער נישט געוואָלט האָבן און געלאָזט די מער־דערס טאָן דאָס אַלץ וואָס זיי האָבן געטאָן . . .

איך שפּרייז הין און צוריק מיט געליימטע טריט, אפשר וועל איך באַגעגענען א היימיש פּנים? . . . אפשר זאָל איך גאָר גיין אויפן בית־עולם און צוגיין צו די קברים־בערגלעך, זוכן דאָרט דעם קבר פון טאַטן . . . איז דען דאָ נאָך א קבר־אבות פאַר די יידן פון מיידאַנעק און טרעבלינקע? פון די

פארגאזטע און דערשאָסענע יידן פון וועלכע מען האָט אראָפּ־געצויגן די מלבושים, און אָן תכריכים אריינגעוואָרפן אין די גריבער?...

אָט געפין איך זיך אויף נאַוואָליפּיע. איך זע נישט קיין הויז, נאָר בלויז גרוז פון ציגל און שטיין. פאַרסמאַליעטע „גלאָוניעס”. אויך, א פאַרסמאַליעטער בוים שטאַרצט ארויס.

אָט גיט מיר א פינקל פון דעם גרוז א שפּליטער פון א צעבראָכענעם שפּיגל, א זכר פון אַן אמאָליקער יידישער היים...

די שטילקייט שטיקט מיך אין האַלדז. איך קען נישט אדורכטראָגן די שטומע שטילקייט אויף גאַסן, ווו עס האָט געזשומעט מיט אזא אימפּעדיק לעבן, דער יידישער אימפּעט! צוליב דעם עול פון פּרנסה, האָט מען נאָכגעיאָגט דעם קונה, אים צוריקגערופן פון גאַס. און אין גאַס האָט געררוישט מיט מענטשן, אמאָל אויך מיט א צעליאַרעמטן טראַמוויי, אָדער מיט דעם אָפּהילך פון דעם בראַזגען פון די דראָזשקעס.

פאַרטראַכטערהייט כאַפּ איך זיך, אז איך שטיין ביי בערג־לעך שטויב און ציגל־שטויסן. מיין וועלט איז גאָר פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בערגלעך גרוז און שטויב! אָט שטייט א הויז מיט א האַלבער פראָנט־וואַנט. די איבעריקע ווענט — צע־שטערט, צעווונדיקט בעת דעם גרויסן יידישן בראַנד... פון יעדן שטיין קוקט ארויס איצט צו מיר טרויער און צער פון חרובע הייזער און פון חרובע לעבנס...

די פיס טראָגן מיך אויף טלאָמאַצקע, צו דער גרויסער סינאַגאָגע, ווו עס איז פאָרגעקומען מיין חתונה. איצט שטייט די סינאַגאָגע א חרובע מיט ארויסשטאַרצנדיקע שטיקער פונ־דאַמענטן. איך קלעטער אויף די ציגל־שטויסן און אויף די

די טלאָמאַצקע סינאַגאָגע נאָכן חורבן

פארשאָטענע שטיינערנע טרעפּ און כ׳זע א מנורה, וואָס קוקט ארויס צו מיר פון די קופּעס ברוכווארג...

איך פארמאַך אויף א ווייל צו מיינע אויגן און כ׳זע די בילדער פון די יידן מיט די צילינדערס און מיט דער גאנצער פּראכט וואָס איז געווען פארבונדן מיט דער סינאַגאָגע. און איצט... כ׳קוק אויף דער מנורה דורך וועלכער עס קוקט צו מיר א דורותדיקער שיין, אָט די אומגעזעענע שיין, וואָס באַגלייט די יידישע אייביקייט און עס דאכט זיך מיר, ווי די מנורה שעפּטשעט אין מיין אויער: — אָט זעסטו די שיין — מיר וועלן אייביק זיין! יידישע אייביקייט וועט איבערלעבן אַלע יידישע שונאים!

א לענגערע צייט בין איך געשטאַנען ביי דער חרובער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. כ׳בין געשטאַנען א פארזונקענער אין מחשבות און אין בילדער פון א שטאָט מיט יידן מיט שולן און בתי מדרשים פון וועלכע עס איז איצט געבליבן חורבות מיט גרוז. איך בין אוועקגעגאַנגען און מיטגענומען מיט זיך די שיין פון דער מנורה.

ביים וואָקזאַל

איך גרייט זיך צו פאָרן צום וואָקזאַל, צום לאָדזשער צוג. עס גייט מיר נאָך דאָס בילד פון דעם יידישן חורבן און פון א בליק וואָס איך האָב אויפגעכאַפּט אין פּראַגע, ווען איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף דעם רוסישן זעלנער מיטן ביקס, דער זעלנער פון דער זיגרייכער רוסישער אַרמיי, וועלכער פירט אוים די באַפעלן פון מאָסקווע ... ער שטייט איצט לעבן זיין פאָן, וואָס וועט נישט ברענגען קיין פרייהייט אין פּוילן ... וועל איך קענען פריי אָטעמען אונטער דער פאָן? אפשר וועט מען דאַרפן וואָס שנעלער אַנטלויפן בכלל פון דעם לאַנד ...

איך זיץ שוין אויפן וואָקזאַל און וואַרט אויפן צוג. פאַר מיין אָנקומען אויפן וואָקזאַל האָב איך געזען א מיידעלע פון א יאָר אַכט שטיין מיט קינדער אַרום איר. איך האָב זי אָנגעקוקט און געהאַט דעם געפיל, אַז זי קוקט אויף מיר מיט עפּעס צעשראָקענע אייגעלעך. עס איז מיר דורכגעלאָפן א געדאַנק: — אפשר איז זי טאַקע א יידיש קינד? וויפל יידישע מאַמעס האָבן אין דער לעצטער מינוט געשווינד גע־לאָזן ביי א פּוילישער פרוי איר קינד מיט דער האָפענונג, אפשר וועט דאָס קינד לעבן בלייבן? ...

האָט א מאַמע באַצאָלט מיט דעם לעצטן איבערבלייב פון איר פאַרמעג, געלאָזן דאָס קינד און מיט אַן אינערלעך־יאָמערלעך־מאַמע־געוויין געשווינד אַוועק און איבערגעלאָזן דאָס קינד ביי דער קריסטלעכער פאַמיליע ...

עס מאַטערט מיך דער געדאַנק: איז דאָס נישט איינע פון די־אָ קינדערלעך? איך בלייב שטיין א וויַיל און לאָז נישט אַראָפּ מיין בליק פון דאָס מיידעלע.

עס קומט צו א פרוי, אָנגעטאָן אין א שיינעם קאַראַקו־לענעם פוטער און נעמט אָן דאָס קינד ביים הענטל. איז זי די מוטער? אין דמיון וועבט זיך ביי מיר א בילד פון דער יידישער טראַגעדיע: ווער ווייסט, צי דער פוטער, דאָס קינד און די פרוי זענען נישט א טייל פון אָט דער יידישער חורבן־דראַמע? ... וויפל יידישע פוטערס טראָגן איצט פּוילישע פרויען?

אויפן וואָקזאַל זיץ איך אויף א באַנק מיט פאַרמאַכטע אויגן. איך זע אין מיין דמיון די פאַרמלחמהדיקע יידן אויף די טומלדיקע וואָקזאַלן. מען איז געקומען און געאיילט. נישט געווען קיין צייט. אין דער פרי געקומען קיין וואַרשע און ביינאַכט צוריקגעפאָרן אין די שטעטלעך. פאַרהאַרטעוועטע יידן, דורך שנייען, ווינטן און רעגן, דורך אַלע צייטן פון יאָר האָט מען זיך מיט אויסדויער און עקשנות געראַנגלט פאַרן טאָג־טעגלעכן לעבן.

איך זע אין געדאַנק די לאַנג־געקליידעטע יידן מיט זאַכן און פעק. ווייבער אין שאַלן אַרומגעוויקלט, וואָס פלעגן געוויינ־לעך קומען צום וואָקזאַל מיט א שעה פריער נישט צו פאַר־שפּעטיקן דעם צוג צוריק אַ היים.

נישטאָ מער די יידן! עס איז אונטערגעגאַנגען א יידישע וועלט. אָט די ביטערע זעאונגען און מחשבות ליגן ווי שטיי־נער אויף מיין געמיט, כאָטש עס איז פרילינג אין דרויסן און דער ווייסל באַגלייט מיך מיט זיין בלאָקייט, אָבער מיין צע־בראָכן געמיט, ווי מיינע צעבראָכענע ביינער פון די עטלעכע

יאָר אויסבאַהאַלטעניש אין די אַלע לעכער, לאָזן זיך נישט אויסגלייכן.

עס קומען אָן עלטערע און יונגערע פּאָליאַקן אויפֿן וואָקזאַל. א יונגער שגץ קוקט אויף מיר און ספּקט צי איך בין א ייד אָדער נישט. אָבער אויף מיין שכן דערנעבן איז ער זיכער!

— אוי מאַמע — הער איך אים זאָגן — זעסט א זשידעק איז געקומען אויף דאָסניי. . .

איך שפּיר ווי די פּאָליאַקן קוקן אויף מיין באַנק מיט האַס און שטשירן מיט די ציין. זייערע בליקן זאָגן כאָראַל: — „פּזשאַקרעוו, א זשיד געקומען. מען האָט זיי נישט פאַרברענט, נישט פאַרגאַזט געגוג״. . . אָט די שנאה־בליקן צום ייד באַגלייטן מיך קיין לאָדזש, זיי פאָרן מיט מיר אין צוג. . .

איך קוק אַרויס פון וואַגאָן־פענצטער. אָט אויף די שינעס זענען דאָך געגאַנגען פראַכט און פּי־וואַגאָנעס מיט צוזאַמענגעקנוילטע יידן געפירט צו די טויט־קאַמערן. זיי, די יידן, האָבן נישט געאַנט, נישט געגלויבט, אַז דאָס איז זייער לעצטער וועג פון פּיין — — —

א שורה מיט גאַס־לאַמטערנס לויפט מיר אַנטקעגן, ווי זיי וואָלטן מיך געפרעגט: — ווּהין פאָרסטו? וואָס זוכסטו אין לאָדזש? איך ענטפער זיי מיט מיין בליק: — איך מוז פון וואַרשע אוועקפאָרן, ווייל זי איז חרוב געוואָרן. וואָס עס וועט זיין אין לאָדזש? — כ׳ווייס נישט. אפשר וועט דער וועג מיך דאַרפן פירן ווייטער — וואָס ווייטער פון פּוילישן לאַנד — מיט זיינע נייע באַשיצער, פון די פון וועלכע איך בין געלאָפן ביים טייך בוג נאָך אין 1939

דער צוג שלעפּט זיך פאַמעלעך. מיין בליק וואַנדערט כסדר איבער די וועגן פון יידישן חורבן. פון א קנויל מחשבות

און בילדער וויקלען זיך אָפּ גרויל־סצענקעס מיט פּחד־טריט פון די סכנותדיקע יאָרן. עס פלאָנטערן זיך צונויף פארשידענע געשעענישן באַלד פון די ערשטע טעג, ווען צו אונדז איז דער־גאַנגען די טרויעריקע ידיעה, אַז אין טשענסטאָכאָוו האָט זיך שוין דעם 4טן סעפּטעמבער (1939) געגאָסן יידיש בלוט. עס איז געווען דעמאָלט — „דער בלוטיקער מאָנטיק"...

און א יאָר שפּעטער. א פאָלק איז געגאַנגען צוריק אין געטאָ אריין. דער טראַגישער צוריקוועגס פונעם יידישן געשיכטלעכן גאַנג...

פון ווייטע שטאָטישע קווארטאַלן, פון מסחר־צענטערס אין הארץ פון ווארשע, האָט זיך אָנגעהויבן אַן „איבערזיד־לונג"... מען האָט די שליסלען פון די הייזער איבערגעגעבן די סטרוזשן און אליין איז מען אוועק אין דעם נייעם „וואָ־האָנגעביט" מיט פּעק אויף די פּלייצעס, אָדער אויף קינדער־וועגעלעך געפירט. יעדער איינער האָט דעמאָלט געטראַכט וועגן דעם נייעם וווינאָרט — אין געטאָ — ווו אַלע יידן וועלן אין ענגעניש טיילן איין גורל. מען וועט ליידן און קרעכצן, אָבער מ'וועט אויסהאַלטן און איבערלעבן דעם שונא.

א שווערער ווינטער איז באַפאַלן דעם געטאָ. קעלט און הונגער האָבן נישט אויפגעהערט טאָג און נאַכט צו קלאַפּן אין טיר. דאָס עסן — וואָס א וואָך ווייניקער און דער פראָסט — יעדן טאָג שטאַרקער, האָט מען זיך צוגעטוליעט צו אַלץ וואָס האָט נאָר געקענט אביסל דערווארעמען די אויסגעדאַרטע קראַנקע ביינער.

איך רייס זיך אָפּ פון מיינע דערינערונגען און כאַפּ א בליק דורכן פענצטער אויף צעשאָסענע טאַנקן, פאַרברענטע, דורכגעלעכערטע פון אַלע זייטן. זענען זיי עדות פון דעם דייטשן בליץ־קריג איבער פּוילן? — ניין, זיי זענען די מאָ־

נומענטן פון היטלערס מפּלה, פון זיין פאַרשפּילטן קריג. אָבער מיר, יידן, האָבן דאָ סיי ווי טראַגיש פאַרשפּילט. איך פאַל צוריק אריין אין דעם טראַנס פון זעאונגען. זיי ווילן גאָר־נישט אָפּטרעטן !

עס דערמאָנט זיך מיר איין אויפשווידערנדיק בילד נאָכן אַנדערן פון די חורבן־יאָרן. אויף די געטאָ־גאַסן שיסן די מער־דער־פּאַטרולן צו יעדן איינעם, וואָס באַווייזט זיך אין גאַס. זיי שיסן אויך אין די הייזער צו די מענטשן, וואָס באַווייזן זיך ביי די פענצטער . . . מיר הערן אומאויפהערלעכע שי־סערייען. עס וואַקסט די שרעק יעדער מינוט. דייטשישע ס.ס.־לייט און „וואַכמענער" ריטשען מיט הויכע דראָענדיקע שטי־מעס: „אַלע ארויס". מיר בלייבן אין אונדזער באַהעלטעניש. אָבער אין הארצן זאָגט יעדער אָפּ ווידוי.

שפּעטער האָבן מיר געהערט, ווי אזוי דער אָנפירער פון די ס. ס. — פראַנץ איז געווען זיין נאָמען — האָט צונויפ־געטריבן די רייען פון די ארויסגעקומענע יידן, מיט זיין סאַ־דיסטישן שמייכל זיי אַלעמען באַטראַכט, מיט זיין מערדער־לעכן בליק — סאָרטירט און געטריבן זיי — אָן אונטערשייד פון עלטער און געשלעכט — צום אומשלאַג־פּלאַץ.

עס איז געקומען א באַפעל אריינצוגיין אין די וואַגאָנעס, אָנגעפּאַקט צו 80 מענטשן אין אַ וואַגאָן. דער צוג האָט גע־רירט און איז אראָפּ פון איין רעזערוו־ליניע אויף דער צוויי־טער. איך האָבן זיך פאַרגעשטעלט, וואָס עס האָט זיך אָפּגע־טאָן אין דעם טויט־צוג. די געוויינען און יללות פון די קינ־דער, פון די מאַמעס . . .

א הויכער פייף פון לאָקאָמאָטיוו האָט מיך אוועקגענומען פון די קאָשמאַרן, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט אין מיין דמיון. כ'האָב א קוק געטאָן דורכן פענצטער און געזען, ווי לאָדזש

קומט אונדזער צוג אַנטקעגן מיט די קוימענס פון אירע פאַב־ריקן. האָב איך אינסטינקטיוו מאָמענטאַל זיך אַ פרעג געטאָן: שטייען נאָך אַשר קאָהנס פאַבריקן? זענען דאָס פון זיינע פאַבריקן די רויכערנדיקע קוימענס? און ווער זענען די נייע באַלעבאַטים?

לאָדזש

איך בין שוין עטלעכע טעג אין לאָדזש, מיין נייע היים — אויף ווי לאַנג? נישטאָ דאָ קיין קרוב קיין פריינד. אַרום מיר אַ פרעמדקייט. אָט בין איך אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. זי איז די זעלבע ווי אַמאָל. איך זע דעם האַנדל אין די קראָ־מען, אָבער אין זיי שטייען שוין פּאָליאַקן, וואָס האָבן פאַר־נומען דעם יידנס אָרט. זיי זענען איצט די יורשים פון דעם אָנגערויבטן יידיש־האָב־און־גוטס, סיי פון לאָדזש און פון די אַרומיקע שטעטלעך.

עס קערן זיך אום צוריק די יידישע פּליטים פון רוסלאַנד. זיי קומען אָפּגעריסענע און אויסגעמאַטערטע פון זייערע איבערלעבונגען אין סאָוויעטישן גן־עדן... זיי ציען איצט קיין לאָדזש, אַ זאַמל־פּונקט פאַר די אַנטרינענע לעצטע רעשט־לעך פון אַ פאָלק.

עס קומען פאַר אסיפות. נייע פירער אַרויסגעשפּראָצטע איבער נאַכט... מען מאַכט פּלענער, מען קאָכט זיך אין דיסקוסיעס און פאַנטאַזיעס אויפצושטעלן דאָ אַ ניי יידיש לעבן.

א ייד, א זייטיקער זאָגט צו מיר: אויף דער פוילישער ערד, וואָס איז איצט אויסגעווייקט אין יידיש בלוט וועט נישט קענען זיין קיין יידישער ווידער־אויפבוי. דערצו נאָך אונטער די נייע פענער . . . מען דאַרף וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען. איך שפּיר, אַז דאָס דאַרף טאָן איצט יעדער ייד.

איך בין מסכים מיט אים. יאָ, מען דאַרף אַנטלויפן, כאָטש די פיס טראָגן איצט נישט.

דערווייל אַרבעט איך אין אַ טעקסטיל־פאַבריק, איך גלויב נישט, אַז איך וועל דאָ לאַנג זיין. — איך שפּיר נישט קיין באָדן אונטער מיינע פיס. עס נאָגט אַ געפיל פון איינזאַמקייט, כאָטש איך האָב שוין באַקאַנטע.

כמעט דעם טאָג ווען איך בין נאָך דער באַפרייאונג פון וואַרשע ארויס פון מיינע באַהעלטענישן, האָב איך זיך גע־טראָפן מיט אַ געוויסן מר. עקסעלמאַן. ער איז געווען אַ זייגער־מאַכער פון פאַך. אַ סימפּאַטישער מענטש האָב איך זיך מיט אים און זיין פרוי נענטער באַפריינדעט.

איך האָב געטראָפן אַ פריינד — זיין נאָמען איז געווען וואַצלאַוו קאָוואַלסקי — וועמען איך האָב געהאָלפן בעת און נאָכן קריג מיט אַלעם וואָס איך האָב נאָר געקענט און מיר זענען זיך געוואָרן זייער נאָענט. ער האָט מיך ממש באַטראַכט פאַר זיינס אַ זון, וואָס איז צו אים געקומען, ווי אַ טרייסט און פאַרגיטיקונג פאַר דעם זון זיינעם וואָס ער האָט פאַרלוירן אין קריג. אונדזער פריינדשאַפט און זאָרג איינער פאַרן אַנ־דערן איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער און אים האָב איך צו פאַרדאַנקען וואָס איך געפין זיך היינט אין אויסטראַליע.

קאָוואַלסקי האָט מיך באַקאַנט מיט זיינעם אַ פריינד, — פּאָלאַק, וועלכער איז שפּעטער אַוועק קיין אַמעריקע, אָבער

מר. און מרס. וואַצלאַוו קאָוואַלסקי (שטערלינג)

פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ער זיך באַמיט איך זאָל באַקומען אַ פּערמיט קיין אויסטראַליע. ווענן דעם האָט מיין פריינד קאָוואַלסקי אָפּט געשמועסט מיט מר. פּאָלאַק. ער האָט געבעטן אים ער זאָל דאָס וואָס שנעלער דורכפירן פאַר זיין „אַדאָפּטירטן זון״ (אַזוי האָט ער מיך פּאַקטיש באַטראַכט זינט אונדזער באַקאַנטשאַפט און גוטער פריינדשאַפט).

עס איז אַראַנזשירט געוואָרן פאַר מיר דער פּערמיט און איך בין אַוועק פון פּוילן, ווי נאָר איך האָב געקענט דאָס טאָן. דער נייער רעזשים איז מיר שטאַרק נישט געווען צום האַרצן . . .

פון פּוילן בין איך צוערשט אַוועק קיין פּאַריז און איך האָב זיך דאָרט געוואָנדן צו מיין אַמאָליקער צענטראַלער באַנק. די באַנק־דירעקטאָרן, האָבן מיך גאָר פריינדלעך אויפגענומען. איך האָב זיי נאָר אין קורצע שטריכן דערציילט פון מיין לאַגע און וואָס כ׳האָב דורכגעמאַכט . . .

זיי האָבן באַשטימט מיר צו צאָלן 100 דאָלאַר אַ חודש און אויך מיר געגעבן אויף רייזע־קאָסטן קיין אויסטראַליע. גלייכצייטיק מיר מיטגעגעבן צוויי רעקאָמענדאַציע־בריוו צו דער „באַנק אָף ניו סאַוט וויילס״.

קיין סך האָב איך אָבער מיט די רעקאָמענדאַציע־בריוו נישט געקענט אויפטאָן צוליב מיין נישט קענען די ענגלישע שפּראַך. ווי פיל אַנדערע נייע אימיגראַנטן, האָב איך אין אויסטראַליע דורכגעמאַכט שווערע צייטן ביז איך האָב זיך איינגעאָרדנט.

איך האָב אויך אַראָפּגענומען פון פּוילן מיין שוואָגער און שוועסטער און מיר האָבן זיך צוזאַמען גענומען צו פּאַב־

ריקאַציע מיט וועלכער מיר פאַרנעמען זיך די לעצטע 25 יאָר אין מעלבורן.

✶

יעדער איינער פון די נישט־דערברענטע יידן, וואָס האָט אויף זיין איינגן לייב־און־לעבן דורכגעמאַכט די שוידערלעכע היטלער־תקופה, קען יענע איבערלעבענישן נישט פאַרגעסן! גלייכצייטיק איז דאָ אַן אינסטינקטיווער פאַרלאַנג דעם יאָרן־לאַנגן קאָשמאַר וואָס גיכער צו פאַרגעסן, דער זכרון זאָל זיך צו יענע גהינום־טעג נישט דאַרפן מער אומקערן.

דאָס עצם דערציילן פון די איבערלעבונגען איז פיינלעך ביז גאָר. מען עפנט אויף צוריק ווונדן, וואָס זענען מסתמא קיינמאָל נישט פאַרהיילט געוואָרן, הגם אויבנאויפיק דערקענט מען עס גאָרנישט...

ווי שווער עס זאָל אָבער נישט אָנקומען דאָס אַראָפּ־טויכן אין דעם ים פון בלוט און טרערן בעת דער נאַצישער הערשאַפט אין פוילן, האָב איך דאָך נישט געוואָלט זיך אָפּ־זאָגן פון דער וויכטיקער אויפגאַבע און פליכט, וואָס עס ליגט אויף יעדן פון אונדז פון דער שארית הפליטה, צו ברענגען פאַר דער וועלט דאָס וואָס מיר האָבן דורכגעלעבט אינדיווידועל און אויך ווי אַ פאָלק, וואָס איז פאַרמשפּט גע־וואָרן אומגעבראַכט צו ווערן אין דער היטלער־תקופה.

מיט באַשיידענע כוחות האָב איך זיך באַמיט צו דער־ציילן און אויפוויקלען די טראַגישע מגילה פון מיין לעבן.

איך האָב פון מיין זכרון און געמיט אַרויסגעצויגן בילד־לעך, דערמאָנונגען, און בעיקר, שטריכן, פון: „זעקס מיליאָן און איינער..."

נאָכוואָרט

עס איז נאָר טאַקע א צופאַל, וואָס מיין בוך דערשיינט אויפן שוועל פון צוויי היסטאָרישע דאַטעס: צום 30טן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און 25 יאָר מדינת ישראל.

פאַר מיר איז דאָס אָבער סימבאָליש, ווייל אָט דער גורלדיקער אומקום און אויפקום מיט וועלכע עס זענען דאָך פאַרבונדן אָט די געשעענישן פון די צוויי וויכטיקע געשיכטלעכע דאַטעס אין אונדזער לעצטער תקופה און אין דער נייעסטער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

מיר ווייסן, אַז עס פאַרבינדט א „הייסע ליניע" צווישן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד (און דאָס איז דאָך אויך כולל די אויפשטאַנדן און ווידערשטאַנדן קעגן שונא נישט נאָר אין וואַרשע, נאָר אויך אין פיל אַנדערע געטאָס און לאַגערן) מיט דער אַנטשטייאונג פון דער יידישער מדינה אין 1948.

ווער פון אונדז קען דען פאַרגעסן, אַז נאָך פאַרן חורבן, ביים סוף פון די דרייסיקער יאָרן, ווען די שוואַרצע היטלע־ריסטישע כמאַרעס האָבן אָנגעהויבן צו פאַרדעקן דעם אייראָ־פעישן האָריזאָנט, האָבן זיך יידישע פליטים א לאָז געטאָן פון די נאַצישע אָקופּירטע לענדער און אַנגעקלאַפּט אין אַלע טויערן פון דער וועלט מען זאָל זיי אריינלאָזן.

אָבער די טויערן פון אַלע קאָנטינענטן זענען געווען אויף זיבן שלעסער פאַרקלאַפּט פאַר די יידישע פליטים. בלויז דער היטלעריסטישער מלאך־המות האָט געוואַרט אויף זיי און שפּע־טער געעפנט פאַר זיי ברייט די טויערן פון די טויט־לאַגערן.

און נאָכן קריג, ווען עס האָט זיך שוין געהאַט געעפנט דער בלוטיקער פאָרהאַנג און יעדער לעבנגעבליבענער ייד האָט דער־זען, אַז ער האָט א פאַרברענטן טאַטן און אַן אומגעבראַכטער

מאַמען, באַגלייט מיט פּאַרטיליקטע גאַנצע משפּחות... איז ווידער געשען די זעלבע אכזריותדיקע באַציִונג צו די רעשט־לעך לעבנגעבליבענע יידן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט אין די לאַגערן און געשטראָמט קיין ארץ־ישׂראל צו בויען אַ יידישע היים.

מיר דערמאָנען זיך, ווי די ענגלענדער האָבן זיי נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין לאַנד, און יידישע משפּחות האָבן נישט געקוקט אויף פּאַרבאָט און האָבן אויף „מולטער"־שיפלעך זיך געלאָזט קיין ארץ־ישׂראל. טעג און נעכט אַרומגעשווימען מיט די שיפלעך אויף אַ צעשטורעמטן ים, זיך געראַנגלט מיט די הויכע כוואַליעס אויפן ים און מיט די ענגלישע קריגס־שיפן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשיקט קעגן „געפערלעכן שונא" — די אומגליקלעכע בחורים און מיידלעך, די יתומים פון אומגעבראַכטע עלטערן דורך די היטלעריסטישע מערדערס מכל המינים... אָט פאַר זיי האָבן די ענגלענדער פאַרשלאָסן די טויערן פון ארץ־ישׂראל.

און אָט די יידישע בחורים און מיידלעך, וועלכע עס איז יאָ געלונגען אין אַ פינצטערער נאַכט זיך אַדורכצושמוגלען די באַוואַכטע ארץ־ישׂראל־ברעגעס, און די הגנה האָט זיי באַוויזן נאָך שנעל פאַנאַנדערצושיקן אין די פאַרשידענע קיבוצים און ישובים — זיי זענען געווען די קעמפער קעגן די אַראַבישע אַרמייען אין 1948.

פון וואַנען האָבן זיי גענומען די העלדישע כוחות צו פאַרטיידיקן יעדן שפּאַן פון יידישן לאַנד? פון וואַנען האָט געשטראָמט צו די נישט־דערברענטע אין גיהנום, בחורים און מיידלעך, אַזאַ אויסערגעוויינטלעכער העראָיזם מיט ליידיקע הענט מלחמה צו האַלטן מיט די גוט־באַוואָפנטע אַרמייען פון אַזוי פיל אַראַבישע לענדער?

די העלדישע כוחות האָבן זיי געשעפּט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, פון ברענענדיקן געטאָ, ווו די יידישע קעמפּפערס האָבן — שרעקלעך־אומבאַוואָפנטע — מלחמה גע־האַלטן מיט דער זיגרייכער און שטאַרקסטער מיליטערישער מאַשין אין דער וועלט פון יענער צייט.

די ישראלדיקע פאַרשערס באַנוצן פאַרן לעבן און געראַנגל אין געטאָ דאָס וואָרט עמידה — דאָס באַטייט סיי דאָס האַלטן זיך יעדן טאָג, יעדער שעה ביי די ראַנדן פון לעבן; און סיי דאָס נישט לאָזן זיך אונטערגעבן דעם ווונטש פון שונא צו שטאַרבן לעבנדיק און לעבן שטאַרבנדיק . . .

פאַרקניפּן מיר דעם נעכטן מיטן היינט צו אַקטואַליזירן און פאַרבינדן די דערמאָנונג מיט מאָנונג, אז די סכנות פון די פאַרסמטע אידעאָלאָגיעס, וואָס האָבן דערפירט צו אוישוויץ און מיידאַנעק מוזן אויסגעריסן ווערן מיטן וואָרצל! עס טאָר מער נישט זיין קיין אוישוויץ און טרעבלינקע. יידיש לעבן טאָר מער נישט זיין הפקר!

אָט די דערמאָנונג צו דער וועלט איז ווידער געקומען אין די גורלדיקע טעג פון יוני, 1967, ווען נאַסער האָט ארומ־גערינגלט ישראל און געדראָט די יידן אריינצוווארפן אין ים . . . דאָס האָט דערמאָנט אין די געשעעניש אין די געטאָס און אין איין אויגנבליק איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק געוואָרן צונויפגעשמידט אין אַ גאַנצקייט מיט דעם שטאָלענעם ווילן צו פאַרטיידיקן דאָס לאַנד ישראל און דאָס פאָלק ישראל.

ווייל דאָס פאָלק וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם גרויסן חורבן האָט געשוווירן: קיינמאָל נישט מער טרעבלינקע, איז דער זכרון פון געטאָ מיט די אַלע אסאָציאַציעס געוואָרן די טרייב־קראַפט אין דער זיגרייכער מלחמה קעגן שונא. די מלחמה אין וואַרשעווער געטאָ מיט דער העלדישער גבורה

פון די אויסגעפייניקטע יידישע סקעלעטן, איז געוועו דער סטי־מול, דער וויכטיקסטער אימפולס אין דער באפרייאונגס־מלחמה אין 1948, 1956, און אין גרויסן נצחון פון 1967.

לאמיר דא דערמאנען די ענדערונג, וואס איז פארגעקו־מען אין דער יידישער פאלקס־פסיכיק. צוויי טויזנט יאר איז מלחמה געווען א פרעמדער באגריף אין דער יידישער מאראל. איז געקומען דער היטלעריסטישער אויסראטונגס־קריג קעגן דעם יידישן פאלק און ארויסגערופן א היסטארישן איבער־ברוך אין אונדזער פסיכיק בנוגע דעם באגריף פון א פארטיי־דיקונגס־מלחמה פאר דעם קיום פון פאלק. מיר זאגן: יידיש בלוט איז מער נישט הפקר!

✶

איך שרייב די שורות ערב דעם 30טן יארטאג פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד. מיינע זכרונות און מיין געמיט טויכט אראפ צו יענער טראגישער צייט פון יידישן פאלק אין דער אקופירטער אייראפע, און אין דער פוילישער הויפטשטאט, ווארשע, ווו איך האב זיך דעמאלט געפונען. איך האב דא אין בוך באשריבן אונדזער מצב אין געטא און אויסערן געטא און ווי אזוי אונדזערע פוילישע שכנים האבן זיך באצויגן צו אונדז...

נאכן זיג איבער היטלערן, האט דאס קאמוניסטישע פוילן, אין די ערשטע יארן נאכן חורבן, גלאריפיצירט די יידישע געטא־העלדן און די געטא־אויפשטענדלער. אין 1948, בעת עס איז פארגעקומען די אנטהילונג פון דעם דענקמאל פון ווארשעווער געטא־אויפשטאנד, דעמאלט האבן פוילישע מיניס־טארן זיך נאך באטייליקט אין דעם פייערלעכן אקט. זיי האבן

נאָך אפילו שאַרף קריטיקירט די מלוכות, וואָס שטעלן זיך אנטקעגן דאָס שאַפן א יידישע מדינה.

אָבער וואָס איז געשען שפּעטער?... די שווידערלעכע וואַקכאַנאַליע קעגן ישראל אין די קאָמוניסטישע לענדער אין 1967 און די אַנטיסעמיטישע כוואַליע, וואָס האָט פאַרפּלייצט פּוילן קעגן דעם הייפל געבליבענע יידן, באַווייזט דעם אמתן פּרצוף פון קאָמוניזם בכלל און פון די פּאָליאַקן בפרט... ווער עס לייענט זייער פּרעסע — סיי פון פּוילן, סיי פון אויסטראַליע, — ווו זיי שרייבן אומפאַרשעמט, אַז דאָס פּוילישע פאָלק האָט געראַטעוועט יידן בעת דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע... זעט באַשיינפּערלעך דאָס כשרע חזיר־פּיסל...

מער נאָך: א חוץ דעם וואָס זיי האָבן אונדז „געראַטעוועט" באַמיען זיי זיך צו מינימיזירן די טראַגיק און דעם פאַרנעם פון אונדזער גרעסטן חורבן. דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ האָבן גאָר זיי, די קאָמוניסטן, געמאַכט!...

און ווי אַן אילוסטראַציע קען מען זען פון דעם, וואָס עס גיבן איבער די, וואָס זענען לעצטנס געווען אין פּוילן. זיי דערציילן, אַז פון דעם „אוישוויצער פּאַוויליאָן פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע און גבורה" איז פּלוצעם „פאַרשווינדן" געוואָרן פון אָט דעם אויפשריפט די ווערטער: „און גבורה"... לגבי יידן טאָר מען דאָך נישט באַנוצן דאָס וואָרט גבורה!...

✶

איך בין איינער פון די וואָס איז צוריקגעקומען פון גיהנום און כ'האָב גוט קענען־געלערנט די גוטע מענטשן פון פּוילישן פאָלק, און אויך די, וואָס האָבן געהאָלפן אונדז אויסמאָרדן... אָבער איך טראַכט: אפילו מיר זאָלן נישט וויסן וואָס די פּאָליאַקן האָבן געטאָן אָפּגעטאָן מיט אונדז... זענען

זייערע היינטיקע מעשים געגנוג צו דערקענען זייער גוט־פריינדשאַפט צו אונדזער פאָלק...

אָבער אונדזערע טענות זענען דאָך נישט נאָר צו די פּאָ־ליאַקן, ליטווינער, אוקראַאינער, וואָס האָבן זיך אַזוי אײפער־דיק באַטייליקט אין אונדזער אומקום, נאָר אויך צו דער גרוי־סער פרייער וועלט, וואָס האָט ארויסגעוויזן אַזאַ גלייכגיל־טיקייט צו דעם רויך פון די קרעמאַטאָריעס און צום ברענענדיקן וואַרשעווער געטאָ, — — — — — — — — — — — — —

די וואָס זענען געקומען פון דאָרטן ציען ארויס פון זיך זעאונג נאָך זעאונג. אין די נעכט צעעפנט זיך אונדזער זכרון און מיר מאַכן דורך אונדזערע פריערדיקע לעבנס מיט די זכרונות, וואָס גייען אויפסניי פאַרביי פאַר אונדזערע אויגן אין דער פינצטער...

מיר חלומען איבער די דערשטיגונגען פון יענער צייט, וואָס טליען טיף אינעווייניק ביי יעדן איינעם, וואָס איז נאָך צוריקגעקומען א לעבעדיקער פון גיהנום. אין די חלומות אָטעמען מיר נאָך מיט דער לופט פון די אומגעבראַכטע און אויף דער וואָך — מיט דער לופט פון די לעבעדיקע. די זעאונגען און דערמאָנונגען זענען אין דער באַגלייטונג פון אינעווייניקסטע אָפּקלאַנגען און פרעגונגען, וואָס בלייבן אָן פאַרענטפערונגען...

עס דערמאָנט זיך: ווען מיר האָבן דערזען די אויסגע־בענקטע שעה פון באַפרייאונג, האָבן פיל פון אונדז דעמאָלט געטראַכט, אַז איצט וועט מען נעמען נקמה פאַר אונדזער אומ־שולדיק פאַרגאָסענעם בלוט. אָבער אין די ערשטע טעג, אַז מען האָט געהרגעט איין דייטש, צוויי אָדער דריי, איז עפּעס נישט לייכטער געוואָרן אויף דער נשמה, נישט ביי די לעבן־געבליבענע און אוודאי נישט די טויטע...

האָבן מיר געטראַכט: נישט נקמה, נאָר מאָנען גערעכטי־קייט ביי די מערדערס! רופן זיי צום משפט, זיי זאָלן אָפּגעבן אַ חשבון פאַר זייערע מעשים... אויף דער הייסער מינוט איז נאָך אפשר געווען אַ געפיל פון גערעכטיקייט אויף דעם נירענבערגער פּראָצעס. אָבער אין די שפּעטערדיקע משפּטים האָבן מיר שוין איינגעזען, אַז די גערעכטיקייט איז נישט געקו־מען צום אויסדרוק... די נעכטיקע תּלינים האָבן באַוויזן אויסצוטאָן זייערע אוניפאָרמען און זיך אָנטאָן אַנדערע, ציווילע מלבושים... זיי לעבן זיך אין פרידן און דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן נעכטן איז שוין פאַרגעסן געוואָרן ביי די וואָס ווילן מ׳זאָל פאַרגעסן...

זיי פאַרטיידיקן זיך, מיט דער הילף פון גרויסע אַדוואָ־קאַטן, אַז זיי האָבן דאָך נאָר געאַרבעט אין היטלערס גאַז־קאָמפּאַני... נאָר אויסגעפירט באַפעלן פון זייער העכערער מאַכט... און איצט טראָגן זיי אַנטקעגן אַ שמייכלדיק פּנים, ווי עס טוען פרידלעכע בירגער, וואָס פירן אַ רואיק פאַמיליע־לעבן און טשעפּן נישט קיין פליג אויף דער וואַנט...

זעען מיר דאָך, אַז אויף נקמה נעמען איז נישט געווען קיין כּוח און ווידער אויף גערעכטיקייט איז גאָר נישטאָ קיין האָפענונג, בלייבט איצטער נאָר צו דערציילן, ווי לאַנג מען אָטעמט נאָך, און מיר דאַרפן דערציילן אַזוי לאַנג, ביז די וועלט וועט אונדז דערהערן!

איך האָב דעריבער געפּרוּווט צו דערציילן און דערמאָ־נען פון אַ גרויסער שלעכטס, פון אַ גרויסן גענאָסיד־פאַרברעכן קעגן אונדז פאָלק, און פון אַ שלעכטס, וואָס באַדראָאַט דעם קיום פון דער גאַנצער מענטשהייט, אויב עס וועט נישט אויס־געראָטן ווערן באַצייטנס...

אינהאַלט

זייט

אַרײַנפיר 11
ערשטער סעפּטעמבער, 1939 30
די ערשטע גזרות 40
נאָוועמבער, 1940 45
פּאָליאַקן און יידן 54
דער קלער, די פּוילישע פּרעסע, די פּאַרטייען 57
פּאָליאַקן וואָס האָבן געראַטעוועט יידן 59
אונדזער לעבן און אַרבעט אין געטאָ 68
„אויסזידלונגס־אַקציעס" 76
אינזשיניער טשערניאַקאָוו זעלבסטמאָרד 79
יידישע פּאָליציאַנטן 96
אומגעבעטענע וויזיטן... 108
אין אַ שטאָל ביי דער ווייסל 111
די דייטשן טרעטן נישט אָפּ 113
דער אויפשטאַנד אין וואַרשע 115
ביים וואָקזאַל 143
לאָדזש 148
נאָכוואָרט 153